


שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו"ל ⋆ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס' 24 • חשון־כסלו תשמ"ט • תל־אביב • נאָוועמבער 1988 • נומער 24

# נוף ילדותי בנובמבר 1943 / סויקה ארליכמן־בנק

החודשים נובמבר ואפריל הם חודשי יזכור עבורי. בתקופה זו אני חוזרת יותר מכל ימות השנה **לשם**. כל חיי **כאן**, אני מספרת לנוער על **השם**, אבל נסיעה לפולין, בפרט ללובלין, נראתה לי כטירוף, כמזוכיזם. לשם מה לגרד פצעים שעוד לא הגלידו?

עם הזמן, באה תקופה אחרת: רצון לנסוע וגם פחד. בשנים האחרונות, יש בי רצון עז עוד פעם לדרוך בשבילים שדרכו פעם רגלי הצעירות, ואני יודעת בבירור, שזאת איננה דרך לעבר הקשורה בפגישה עם קרובים וחברים, כי אלה אינם כבר שם. זה יותר רצון ללכת בדרך היסורים של יקירי, למרות שהיתי שם בעת ההיא, הגורל חסך אותה ממני. יש לי צורך לבקר בקברות משפחתי שהם מאידנק, פוניאטוב וטרבלינקי. ייתכן שזאת תופעה של הזקנה המתקרחבת, אבל זאת תחושתי.

נולדתי „זה פשעיאזדם" (Za Przejazdem) וגדלתי „נאַ פיאסקך" (Na Piaskach). שתיהן שכונות מעורבות יהודיות־פולניות. שכונת פועלים. גרנו ברחוב ביחבסקה. לאבי גוטמן ארליכמן היתה כרומו־ניקלרניה ויצור סכו"ם מוכסף, ברח' אחד במאי 20, בית פינתי. לבית הספר רצתי דרך „נובה דרוגה" (אם איחרתי את האוטובוס). לטיולים הלכתי לגן ברונוביצקי, או אפילו ל„פלאגה לאסקיביץ'", בדרך קצת מרוחקת. קולנוע הראשון שביקרתי בו, היה קולנוע „וונוס" והפגישות הראשונות שלי, היו על הגשר מעל נהר ביסטשיצה. בימי חופשה, הלכנו לאחו ע"י צ'רניובקה הקרובה. בקצה הרחוב, היתה תחנת רכבת וממנה נסעתי לחופשת קייץ או לעיר הבירה וורשה. כל הכיוונים ודרכים הובילו מכאן ולכאן בחזרה.

השכנים והחברים מבית הספר כמעט כולם היו פולנים. גם לאבי היו ידידים, בעלי מקצוע פולנים, ברובם סוציאליסטים. העובדה שביתנו היה בית ציוני חם, הוסיף לנו כבוד בין הגויים. הדבר היה הדדי. ידענו ידידות, מתוך שמירה על קוו המפריד בין יהודי ולא יהודי.

עם משפחה אחת, משפחת חוינובסקי, הידידות נמשכת מיום הולדתי, דרך ימות המלחמה ועד היום הזה. הנה, לפני זמן מה קיבלתי משכני מאריאן חוינובסקי את דרישת שלום האחרונה מאבי ואחותי ז"ל ממאידנק, בו הוא היה אסיר פוליטי. כעת מכהן מאריאן כחבר כבוד בהנהלת המוזיאון מאידנק. מאריאן חוינובסקי במכתבו מתאר מאורע, שהתרחש ביום 3 בנובמבר 1943 לנגד עיניו, על הצטלבות הדרכים הקשורים בנעורי.

והנה בתרגום עברי:

←



teatrnn.pl

# התוכן

★

# אינהאלט

סויקה ארליכמן־בנק / נוף ילדותי 1943 (עמ׳ 1) • אסתר לנגלבן־קלוויר / ברונקה (3) • אלכסנדר גרינברג / בית המדרש של „הכהן" ומתפלליו (5) • ד"ר אלחנן האָראָוויץ / פון לובלין 1580 ביז מדינת ישראל 1948 (6) • צפורה דסקל־וייסלפיש / 40 למדינתנו (7) • נ. שמן / לובלין אין דער יידישער געשיכטע (8) • שבע גלאס־ווינער / „וואַרף אוועק דיין קינד, וועסטו זיין ביי מיר" (10) • שמואל פישמאַן / די ראָל פון לובלין אין דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן (11) • דער נס אין לובלין – צומאָרגנס נאָך דער באפרייאונג (12) • אבע סלאָמאַ / דאָס פאריתומטע י.ל. פרץ הויז אין לובלין (13) • יצחק רייכענשטיין / 60 יאָר לובלינער „הפועל" (14) • דוד שטאָקפיש / א נייע, עפעקטיווע פאָרם פון פארייביקונג (17) • פּאָלעמיק, מיינונגען, בריוו, באריכטן; דער קאָמיטעט פון די לובלינער אין פראנקרייך; בן רשקה; יצחק רייכענשטיין; דוד שטאָקפיש, נ. שמן, מ. טרייסטמאַן און אנדערע (18) • מתתיהו האָרן / טעטיקייט־באריכט פון אירגון יוצאי לובלין בישראל פון נאָוועמבער 1987 ביז אָקטאָבער 1988 (26) • מתתיהו הורן / כמה שאלות לאורחינו מפולין (26) • ביי אונדזערע לאנדסמאנשאפטן (28) • ווער און מיט וויפל האָט זיך באשטייערט (30) • בית הקריאות (32) • נחת פון לובלינער (33) • לזכרם – צום אָנדענק (35) •

Rick Kardonne / Nechama Tec. Polish Catholics who saved Jews (39).

„...42.000 יהודים ניספו בנובמבר 1943: במאידנק 18.400, בטרבניקי 12.000, בפוניאטוב 12.000. אני זוכר, איך ב־3 בנובמבר, בשעה 6, אבי הזקן חזר נרגש מתורנות לילה במכון המים העירוני. הוא סיפר לנו, שבדרך „גובה דרוגה" מובילים יהודים ממחנה של בעלי מקצוע בליפובה, לכיוון מאידנק. מתרחשים שם דברים איומים!

סיימתי את ארוחת הבוקר ויצאתי ברגל לעבודתי במשרד העיריה. בפינת רח׳ אחת במאי וברנוביצקה, לפני הגשר מעל הביסטשיצה, ע"י בית חרושת „מוריץ" — עצרתי. אנשי אס־אס סגרו את המעבר להולכי רגל. ממרחק ראיתי קבוצה יהודית, מובלת ע"י קלגסי הנאצים המגיעים לפלאץ ביחבסקה. ראש הטור נעצר. הרחובות היו ריקים מאדם. במפתיע ראש המחנה זז. נעשתה איזה שהיא תנועה, שיכולה היתה להתפרש כרצון לבריחה. „הרצון" דוכא מיד. אנשי אס־אס שלחו מטח כדורים ממכונת יריה ובכך תמו כל נסיונות בריחה. התמונה היתה מזעזעת. לא רק הפולנים, אבל גם חיילי וקציני הוורמאכט שעמדו במקום, הביעו סלידה מהנעשה מולם. הנפגעים סובבו סביב צירם, טרם נפילתם, כעצים כרותים. הנותרים מופחדים המשיכו בצייתנות ללכת עם מסילת פסי הרכבת ומשם לפלאגה לאסקביץ במאידן, לקראת גורלם הטראגי.

באותם רגעים של מהומה, מסוף הטור ניתק צעיר והחל לברוח לכיוון רח׳ אחד במאי. כל זמן הריצה, צעק בקולי קולות: „תחי החירות, יחי החופש!" איש מהעומדים בצד לא עצר בו. הוא פנה לרחוב שבו עמדתי, לפתע נשמעה מאחורי שריקת כדורים. סבבתי את ראשי וראיתי איש אס־אס יורה ממכונת יריה לכיוון הבורח. המסכן נאלץ לפנות לרחוב צדדי שהוביל לנהר צ׳רניובקה. הרחוב היה חד סיטרי, ללא מוצא. הוא נתפס וצורף בחזרה לחבריו, לגורל אומלל ואכזר."

עד כאן דברי מר חוינובסקי.

וזה רק קטע אחד מהשואה וגבורה שהתרחש ממש במקומות שבהם התנהלו חיי יום יום של משפחתי ושלי.

ומה אמצא כעת בנוף ילדותי?

**המערכת – רעדאקציע:**

ד"ר נתן בן־טובים, אירית גוטליב, צפורה דסקל־וייסלפיש, ד"ר אלחנן הורביץ, מתתיהו הורן, אברהם לסקובסקי, מאיר שילדקרויט, אלכסנדר שריפט.

**העורך – רעדאקטאָר:** דוד שטוקפיש

✦

**כתובת המערכת – אדרעס פון רעדאקציע:**

„קול לובלין", תל־אביב, דיזנגוף 158

**"Kol Lublin", Tel-Aviv, Dizengof 158, Israel**

✦

**„הדפוס החדש", תל־אביב**

# ברונקה

**אסתר לנגלבן־קלוויר**

קר לה לברונקה.

למה?, הרי קיץ במלואו, קרני שמש חמים חודרים לחדרה. בבית חם, אבל לגברת ברונקה קר... שם, אפילו בכפור לא היה לה קר, ופה, ביום חם כזה, קר לה.

גברת ברונקה היא בת שמונים. בילדותה היה לה תמיד חם, כי הבית היה חם. הורים מלאי חום ואהבה. לא חסכו ממנה דבר. תמיד היו לה יותר צעצועים מלילדים אחרים. יותר יפים, יותר מודרניים. היא היתה ילדה טובה. שיתפה את חברותיה במשחקים. הצעצועים היו שייכים כמעט לכולם. תמיד נתנה מעצמה הרבה, בלי לבקש תמורה. היתה „מלכת הכיתה". כולם פירגנו לה. באו ימי התבגרות. ציחקוקים בכיתה, סודות כמוסים, ספורט על הקרח. שם הכירה את יאנק. עלם עליז, יפה תואר, נוצרי. שעורים, בילויים ביחד. צמחו לה כנפי זהב, כנפי נעורים, כנפי אהבה. היתה מאוהבת בו מעל לראש, וחטא נעורים ראשון.

הביתה לא הביאה אותו, כי הוא היה גוי. הוריה שמרו על הגחלת. שמרו שבת וחגי ישראל. במוצאי שבת היו באים ידידים ואחרי ההבדלה היו שרים, משחקים שח, ומדברים על עניני דיומא. ברונקה אהבה את הבית ואת ההורים.

גם הוריו של יאנק לא ידעו על קשר של בנם עם היהודיה. יאנק חשש. הוריו היו קתולים, פולנים עם שנאה עזה ליהודים. האמינו שיהודים רצחו את אלוהים.

הזמן חלף לו, ושני הצעירים, למרות הקשר האמיץ ביניהם, חיו בפחד שסודם יתגלה. המתח היה גבוה. יום אחד כשיאנק חזר הביתה, קרא לו אביו ודרש לדעת את פשר הענין. כשנודע לו, רתח מכעס. אחרי ריב גדול אמר לו אביו, שהוא „יהודה איש קריות" וכל זמן שימשיך להתהולל עם ה„ז'ידובקה", הוא מוחרם ואין לו מקום בבית.

יאנק היה אז סטודנט־הנדסאי, ואילו ברונקה למדה עבודה סוציאלית. כשיאנק סיפר את המתרחש, היא החווירה ואחזה בה צמרמורת. רעדה כמו עלה ביום סתיו. היא הבינה מה אומלל מצבה ומה תעולל להורים, אם תמשיך בקשר עם יאנק. אחרי לילה ללא שינה, היה לה ברור שלמרות אהבתה להורים, לא תוכל להינתק מיאנק. היה מאוחר מדי. היא הלכה אחרי אהבתה.

היא דיברה עם אימה. גרמה לה להלם ולים של דמעות. שום נימוקים לא שיכנעו אותה. בלילות שחורים דיברה האם עם עצמה. נזכרה בנעוריה, ולהפתעתה גילתה נשכחות: גם לה היה אהוב. הוריה לא הסכימו לשידוך, וכילדה טובה — ויתרה. התחתנה עם ליאון, שהסב לה עושר ואושר. הזמן השכיח דברים, אבל עד היום, כשהיא שומעת שם אהובה לשעבר, אודם מכסה את פניה. יש דברים שקשה לעקור מהלב.

אבל מה עושים? איך היא תספר לבעלה? זה יהרוס אותו. כאשר סיפרה לו השתררו שקט ומבוכה. הוא לא אמר כלום. מיום ליום הסתגר בעצמו. התעצב ועיניו האדימו.

ברונקה ויאנק עזבו את בית הוריהם, והלכו לגור ביחד. למרות שהיו ביחד, צל ארוך העיב על אהבתם. לא דיברו על זה. עבדו, למדו. עם הוריהם לא היה קשר. כשברונקה הרתה, החליטו להתחתן. הם עשו את זה בעיירה קטנה בלי אורחים, בלי הינומה, והחיים נמשכו.

אביה של ברונקה הלך מדחי לדחי. אי אפשר היה להכירו. אימה היתה מתגנבת מהבית ועוברת ליד ביתה של ברונקה. היתה עוקבת אחריה, ובלב שבור חוזרת הביתה ומספרת לבעלה, שהיתה אצל דודה. אבל הוא ידע. הוא עשה את אותו הדבר בסתר.

ברונקה ויאנק סיימו את הלימודים. קיבלו משרות ויכלו לנשום לרווחה. כל אחד מהם הסתיר את החששות. ברונקה ילדה בן ולשמחתם לא היה גבול. ילד יפהפה עם עיניים כחולות, דומה ליאנק. הפסיקה לעבוד. התמסרה כולה לתינוק.

היתה מטיילת איתו בגנים ומעניקה לו אהבה רבה, כזו שקיבלה


**ארגון יוצאי לובלין בישראל • תל־אביב, דיזנגוף 158**

## הזמנה לערב אזכרה
## לקדושי לובלין והסביבה

שתתקיים ביום שלישי 22.11.88 (י"ג לחשון תשמ"ט) ב־7 בערב בבית המלון בתל־אביב, רח' וייצמן 30.

בהשתתפות:
הגב' **חייקה גרוסמן**, סגן יושב־ראש הכנסת לשעבר.
מר **אריה בראון**, החזן הראשי לצה"ל.
מר **מתתיהו הורן**, המנחה, יו"ר הארגון.

לזכר הנפטרים:
אינג' **אברהם לסקובסק**

האולם יהיה פתוח משעה 6 בערב. נא לדייק.

הוועד

בבית. בצד שני של הכביש היתה עוברת אימה. כשנודע לאביה שנולד לו נכד, אזר עוז והלך לברונקה. שניהם שמחו ובכו. ויאנק קנא לה על צעד של אביה. אצלו זה לא היה מתרחש, חשב. אבא שנא יהודים שנאה תהומית. אבא של ברונקה חייך לילד והשאיר לבתו סכום כסף גדול ל„צעצועים", בשביל הנכד. אותו לילה מת משברון לב.

ברונקה נחרדה. רצה לאמא. פגשה אותה שקטה, כאילו חולמת. לא מהעולם הזה. היא ידעה שכל זה קרה בעקבות השידוך האומלל של בתה. אביה השאיר לברונקה חצי מהרכוש הגדול. אמה לא רצתה להצטרף אליה. חוץ מהבת היא אהבה את בעלה. לבד יהיה לה קל יותר לחשוב עליו. היא הפסיקה לעמוד תחת חלונה של ברונקה. חדלה לעקוב אחריה והילד. הנתק היה מוחלט. היא טיפחה את הקבר של בעלה. קראה ספרים, ובלילות שבת הזילה דמעות ליד נרות השבת. חשבה, „אלוהים לא נותן רק הטוב שבחיים". היא אהבה את השקט, מתייחדת עם זכר בעלה על הבת והנכד לא חשבה. לא רצתה.

ואז, קרה הגרוע מכל. היטלר הכריז מלחמה!

אבא של יאנק דיבר עם הבן והסביר לו שהוא מסכן את עצמו, את משפחתו ואת קרוביו בגלל ה„ז'ידובקה". המלחמה פרצה. התחילו הפרעות ביהודים. יאנק חזר הביתה ולא היה לו תיאבון לאכול. דיבר על ליבה של ברונקה ואמר לה שהוא חייב לעזוב אותה, כי היא מסכנת את חייו וחיי משפחתו, וכי שיום אחד המלחמה תיגמר והוא ישוב אליה ולבנו. ארז את המזוודות ויצא את הבית.

ברונקה היתה המומה. נעשה לה קר, ורעדה מהשתוממות. לא הזילה דמעה. לא האמינה למה שהתרחש. לקחה את התינוק ורצה לאמה.

האם לא היתה כבר בבית. לקחו אותה לגסטפו, והבית הוצת.

ברונקה שכבה על חורבות הבית ובכתה מר. היא הבינה שהרסה את חייה ואת חיי ההורים, אך ידעה שאין תרופה לחיים. בדרך הביתה, כשחיבקה את ילדה הקטן, ניגשו אליה שני קלגסים גרמניים, לקחו את הילד וירו בו. פשוט ירו בו. לברונקה נעשה קר. חשבה שהיא נמצאת בפלנטה אחרת. מי בעוד מאה שנה יאמין שזה אכן קרה?! הסתובבה ברחובות העיר. החשיך מעט, ולפתע ראתה את יאנק. גבר נאה בלבוש אלגנטי. הוא היה בחברת אביו. ברונקה התנפלה עליו בבכי מר וצעקה" „הרגו את בני, הרגו את בנינו". אביו של יאנק דחף אותה. הוא הבין משמעות צעקותיה ואמר לה: „תניחי לו, ז'ידובקה! אם לא תרפי ממנו, אמסור אותך לגסטפו". יאנק שתק, ולבסוף אמר: „גבירתי, את מחליפה אותי במישהוא אחר". אינני מכיר אותך". הם הלכו והיא נשארה שם המומה ואומללה.

אפילו דמעות לא היו לה עוד. הסתובבה ברחובות... היה חושך, הפציר השחר ושוב החשיך, וכך ימים ולילות. היתה רעבה. הלכה הביתה לקחת קצת מזומנים מירושת אביה, אבל הבית כבר לא היה שלה. משפחה פולנית נכנסה לגור בה. היה זה מטאטא הרחובות מבית שני. במכות וגידופים גירשו אותה. התדפקה על דלתות ידידים פולניים אבל כולם סגרו דלתות ולבבות. היא נרדמה על מפתן בית. בעיטה חזקה העירה אותה. שני גרמנים גררו אותה למכונית צבאית. עד מהרה מצאה את עצמה בגסטפו. חקרו אותה בצורה אכזרית ביותר „איפה מתחבא הגבר שלה, החזיר הפולני, שעוזר לה, לז'ידובקה"? היא אמרה שאין לה כזה שאיננה מכירה כזה וכי אין היא יודעת שם של אדם שאיננו קיים. בעינויים הקשים שאלה את עצמה, למה היא מגינה עליו? כנראה נשאר איזה פתיל אהבה עמוק בליבה. היא בזה לעצמה, אבל לא גילתה את שמו.

אביו של יאנק עמד על המשמר. הוא היה עשיר מאוד. היו לו בתי חרושת לעבודות מתכת, שם עבד יאנק, הוא ניהל את אחד מבתי החרושת. לא יכול היה להוריד מעצמו את הכתם היהודי בעברו. הוא הציע לגרמנים לייצר עבורם נשק ותחמושת ללא תשלום. אביו הסכים. נשארו להם עוד שתי בתי חרושת שעבדו בשביל עצמם. יאנק השקיע עצמו בעבודה, כדי לפזר את מחשבותיו. כל פעם שהופיעה ברונקה והילד לפני עיניו, התאמץ לדחות את זה. עבד יותר טוב, יותר מהר. הוא ייצר תחמושת וסיפק לגרמנים. הם ראו בו חזיר פולני, אבל לא נתנו לו להרגיש את זה.

המלחמה נגמרה. הגרמנים הובסו. הררי גופות של יהודים, הררי נעלי ילדים, אנשים גוססים.

ברונקה, מְזֻת־רעב, חולה, קרבה לשער המחנה. לצאת!! עם קצת אוכל ביד סחבה את עצמה. לאן? לא בית, לא משפחה, לא בעל ולא ילד. מוזר היה החופש הזה. היא הרגישה שמישהוא סוחב אותה במה שנקרא שמלה ולא היה אלא סמרטוט קרוע ומלוכלך. הסתובבה, לפניה עמד ילד ששרד מהשואה. יתום כמוה, הוא שאל אותה: „אולי את רוצה להיות אמא שלי"? זה כאב כמו מחט. נזכרה בילד שלה, ברגעים הגורליים, האיומים. הצמידה את הילד לגופה הצנום, והלכו יחד. מצאו את מקומם במחנה עקורים. אוכל, ביגוד לא חסרו. ברונקה התייחסה לילד כלילד שלה.

אנשי המחנות יכלו להגר לאמריקה, והיו רבים שעשו כך. אבל ברונקה העדיפה להישאר בפולין. היא התייחסה בכובד ראש לכל מתיה. לא יכלה לחיות בלעדם. זה מה שנשאר לה. מתים מעונים. זה היה הדבר היחיד שהיתה קשורה אליו. לא היה קבר לבקר בו.

לאט לאט חזרה לעצמה. הבריאה קצת ואת כל נשמתה הקדישה לילד. היא לא ידעה את שמו, וגם הוא לא ידע. ברונקה קראה לו נתי (נתן). הוא היה ילד פיקח למוד צרות, ידע להסתדר. היה ילד, אבל ילד זקן.

ברונקה לימדה אותו קרוא וכתוב, חשבון, סיפרות ושפות. כשגדל רצה ללמוד באוניברסיטה, אבל בגלל היותו יהודי לא קיבלו אותו. הוא קרא לה אמא. רצה לעבוד, להרוויח, להוכיח את עצמו. ערבים שלמים ישב עם ברונקה, והם דיברו. הוא סיפר לה שזוכר רק אש ענקית (גיטו ורשה) ואנשים קופצים מחלונות. את משפחתו, הוריו לא זכר. היה לה קר לברונקה. היה קיץ, פרחו קונווליות, אל־תשכחני, אמנון ותמר. האוויר היה רווי ריחות הפריחה אבל לה היה קר.

יום אחד נתי חזר הביתה וסיפר לברונקה שעבר ליד בית חרושת המפורסם לתחמושת, בבעלותו של יאן קוז'וק. ראה שם הודעה שמחפשים אנשים צעירים לעבודה. נכנס והציע את עצמו. בעל מהפעל חקר אותו אודות ידיעותיו, השכלתו ועל הוריו. הוא סיפר לו שהוא יתום מלחמה ומאומץ, שלמד אצל אימו המאמצת כל המקצועות, שהוא טוב במקצועות ריאליים. אמר שאימו ברונקה, תשמח על שסידר לעצמו העבודה. הדם עלה לראשו של יאן קוז'וק היה כולו סמוק. אמר לו שלא מקבלים יהודים למפעל שלו. כשברונקה ונתי אכלו ארוחת ערב והקשיבו לרדיו שמעו לפתע, יאן קוז'וק בעל בית חרושת לתחמושת, הפטריוט הדגול, מת משבץ לב. ברונקה נדהמה. לא התרגשה. הרי כל כך הרבה מוות ראתה. לא יכלה לשכוח לו את העלבון, את ההתכחשות לילד. נתי לא יכול היה לקבל עבודה, ללמוד לימודים גבוהים. היחס ליהודים הדרדר. היה פוגרום בקילצה. יהודים רבים נהרגו. הוא היה מדוכדך. בשיחה עם ברונקה הציע „אולי נעלה לישראל"? הרי יהודים אנחנו! לפחות נהיה בין אחינו. ברונקה שמעה וחשבה, ישראל? ארץ של חולות, אקלים שונה, ופה יש לה את כולם! את ההורים, את הילד שלה, איך

←

# בית המדרש של „הכּהן" ומתפלליו

**אלכסנדר גרינברג**

ברחוב פלץ טרגוב 19 בעיר לובלין, פולניה, עמד לו בית המדרש הישן של „הכהן" מלובלין. הבנין היה מנמיך את קומתו וכורע תחת מעמסת השנים, ובתוכו של מקדש מעט זה מצויה היתה קשת רב־גונית של דמויות נפלאות, של אישים ומעשיהם.

בין המתפללים המקובלים והמפורסמים ביותר היו:

ר' פנחס'ל זוואלינר, בכינוי „הגאון", מורי ורבי מבית הספר ללימודי קודש וחול „בית אולפנא, דרכי נועם". ר' פנחס'ל נחשב היה בלובלין בגאוניותו, במעשים ומידות. היה ירא שמים ועניו גדול. בשיעור החפשי בגמרא של הכיתה הגבוהה, אם אחד מהבוגרים נתקל בקשיי עומקא דסוגיא, ר'פנחס'ל אץ לתרץ ולפרש כל סוגיה בעל־פה מבלי לעיין בגמרא, ולא פסח על רש"י ותוספות. הבוגרים חלקו לו כבוד גדול ואהבה רבה כדברי חז"ל: מורא רבך כמורא שמים. הוא היה מקובל כפוסק אחרון בהלכה, יהי זכרו ברוך.

ר', סנדר זילבר, סגי נהור ובר אוריין ובנו ר' הרשל, יצרני יי"ש במחוז לובלין, ר' סנדר היה בעל צדקה גדול והפטרון של ביה"ס ללימודי קודש „בית אולפנא", שעבורו הוא בנה בנין מיוחד ברח' ארחידיאקונסקה מול הסמינריון לכומרים. נחרת בזכרוני: נשלחתי פעם ע"י מר יהושע וינבוים, מנהל ביה"ס לר' סנדר הביתה כדי לקרוא בפניו דף גמרא (חולון), כאות לשביעות רצונו של ר' סנדר קבלתי 2 תפוזים וחפיסת שוקולד.

ר' בונים'ל קוצקר (בנו יבל"א, ידידנו ר' משה קורן). בין מאות מתפללי בית המדרש התבלטה דמותו המיוחדת, איש צדיק היה, ירא שמים ותלמיד חכם. צנום, קטן־קומה וחיוור, מחולשה גופנית ומרוב תפילות ולימודים. הבחורים, לומדי בית המדרש, קראו לו „ר' צדוק'ל גרוגרת" ע"ש התנאי שבימי מלחמת בית שני ישב 40 שנה בתענית ובתפילה שלא ייחרב הבית. תעניותיו הרצופות הרסו את בריאותו, הוא רזה מאוד עד שראו אצלו את הגרוגרת. הוא היה מתלמידי ר' שמאי אולם נהג כר' הלל, ואחת מבקשותיו של ר' יוחנן זכאי מהקיסר אספסיאנוס היתה שיתן רופא לרפא את ר' צדוק (גיטין נ"י א, ב').

זכורני, פעם לפני תפילת כל נדרי נכנס בונים'ל ישר מהמקווה לבוש בקיטל לבן, כולו רועד מפחד יום הקדוש. בעיניים בוהות ונוצצות עמד על מקומו הקבוע ע"י ארון הקודש, וכך עמד 26 שעות עד גמר תפילת נעילה וקידוש הלבנה. רק בכל עילאי יכול היה לעמוד בזה. הבחורים חשבו אותו לאחד מהל"ו צדיקים, בחיים הפרטיים לא ניהל שיחת חולין ולא עם אשה זרה. זה המעט שאפשר לכתוב על ר' בונים'ל קוצקר (קורן), יהי זכר צדיק לברכה.

ר' קופל קניגסברג, איש חסיד, עתיר נכסים ובעל צדקה בסתר. גבה קומה, פיקח ונבון, מיחידי סגולה בלובלין. ממעט בדיבורים ומרבה במעשים. מזכרוני, בשבת אחת, בהתפללו עם אבי ז"ל הוזמן ר' קופל לעליה לתורה, ולשאלת הגבאי כמה הוא נודר ענה ר' קופל: זלוטי אחד. זה הפליא אותי מאוד ובלכתי הביתה שאלתי את אבי היתכן, שגביר אדיר כזה נודר סכום כה פעוט? ואבי סיפר לי, כי שני ב"ב חשובים פנו לר' קופל בבקשה לעזור ליורד נכסים להשיא את בתו, ר' קופל מיד הסכים וזה היה סכום די גדול. כי מדותיו התרומיות נשמרו על ידו בטהרה, שכל כולו חסד ורחמים.

הרב מויסוקה פרזיסחה, קרובו של ר' צדוק הכהן, עם שלושת בניו, הרב היה גבה קומה עם הדרת פנים, נעים הליכות. חבר בועד הרבנים של הקהילה היהודית בלובלין, היה שליח צבור עובר לפני התיבה בחגים ומועדים, מחונן בקול חזק טנורי להפליא, מכל השכונות באו (לפעמים גם נוצרים) לשמוע את תפילותיו. לעתים, בשמעי את תפילת כל נדרי שלו היה נדמה לי שהנני שומע את **„כל נדרי"** של ברוך. שירתו ותפילותיו תמיד הסבו תענוג רוחני לשומעים אותו. בניו השלושה עזרו לו, גם הם היו יראי שמים, כל המשפחה נספתה בשואה ביחד עם יהדות לובלין. אלהים יקום את דמם.

המאמר הבא: מבית האולפנא עד החלוץ.

תעזוב אותם? אז היא סיפרה לנתי מעט מעברה. סיפרה על ההורים הטובים, על בנה הפעוט ועל הקשר אליהם. נתי נדהם. הרי הם אינם בחיים. לחשוב עליהם אפשר גם שם, בארץ ישראל, לבקר אפשר פעם בשנה לבקר אותם? איפה? קבר אין להם. נתי אמר לה שאפשר בישראל להקים איזה קרן, או מילגה על שמם. קצה נפשו בגלות.

שניהם הלכו לישון.

למחרת כשנתי יצא מהבית וברונקה נשארה לבד, ביקרה אצלה תלמידתה, תמרה, (ברונקה נתנה שעורים פרטיים). כדי להיפרד. ממשפחתה של תמרה (5 ילדים) נותרו רק אחיה והיא. רוצים להרגיש ששייכים למשהוא. לכן עולים ארצה. אצל ברונקה נדלק אור אדום. למה לא היא? נתי? כעת הוא בנה, כשנתי חזר הביתה, שוב מאוכזב, ברונקה אמרה לו שעולים ארצה.

לאושרו של נתי לא היה גבול. הוא נטל על עצמו כל הסידורים, כי ברונקה לא היתה בקו הבריאות. הזמן, הצרות והמלחמה עשו את שלהם.

כעבור זמן קצר מצאו את עצמם בישראל.

הקליטה לא היתה קלה. אבל הזמן עשה את שלו. נתי למד, לחם במלחמת ששת הימים, נפצע בלבנון, אבל יצא שלם. שוב למד. הקים משפחה וכיום הוא מדען במכון ויצמן. הקשר עם ברונקה היה הדוק מאוד.

ברונקה קיבלה כספים מגרמניה ותרמה אותם למוסודת צדקה.

יום חמסין. אמא ברונקה יושבת בגינת ביתה. ציפורים אוכלות מידיה ומקפצות סביבה. היא עוצמת את עיניה, ומפליגה לעבר. לאדמת פולין, לעיר לובלין־עיר מולדתה. הקבר הענק של מיליוני יהודים, לגופות חרוכות, לפנים מעונים, להררי נעלי ילדים, משקפיים, להוריה האומללים וליאנק... הוא כל כך רחוק. לילדה המת!

„ינקום אלוהים את דמם" לוחשת בשקט.

קר לה לברונקה ביום חמסין ישראלי.

# פון לובלין 1580 ביז מדינת ישראל 1948

ד"ר אלחנן האראָוויץ

א סך תשובות זענען שוין געגעבן געוואָרן אויף דער שאלה: פאר וואָס האָבן די יידן נישט אויסגענוצט די באלפור־דעקלאראציע פון 1917 און נישט אויפגעשטעלט אן אייגענע מדינה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָר ערשט אין יאָר 1948, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה?

איינע פון די תשובות איז א היסטאָרישע און הייבט זיך אָן מיט לובלין, פון יאָר 1580. אין יענעם יאָר איז לובלין געוואָרן אָפיציעל די הויפט־שטאָט פון „ועד ארבע ארצות" – פאקטישן סיים (פארלאמענט) פון די יידן אין פוילן און ליטע." אין משך פון כמעט צוויי הונדערט יאָר, האָבן די יידן אין פוילן און ליטע געהאט אזא פערזענלעכע אויטאָנאָמיע, ווי אין קיין שום אנדערע היסטאָרישע תקופה אין קיין שום מלוכה.

אָבער אונדזער גרויסער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, האָט נישט אויפגעהערט צו טראכטן וועגן דער נאציאָנאל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון די יידן אין פוילן און ליטע, ווי אויך פאר די יידן אין אנדערע מדינות. ער האָט געהאלטן, אז די יידן־פראגע וועט געלייזט ווערן, נאָך דעם ווי די יידן אין יעדער לאנד אין וועלכן זיי לעבן, וועלן באקומען א נאציאָנאל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

לויט שמעון דובנאָוו, האָט דאָס יידישע פאָלק זיך דערהויבן צו אזא היסטאָריש־קולטורעלער מדריגה, אז עס מוז נישט האָבן קיין אייגענע טעריטאָריע און אייגענע מדינה. א קיצור פון דער „אידישער געשיכטע פון שמעון דובנאָוו", דערשינען אין חודש סעפטעמבער 1941 אין ניו־יאָרק, פארענדיקט זיך מיט די דאזיקע ווערטער:

> „...צום אנהויב פון 19 טן יאָרהונדערט, זענען אויף דער גאנצער וועלט געווען נישט מער ווי דריי מיליאָן יידן; איצט, מיט הונדערט יאָר שפעטער, זענען דא יידן אויף דער וועלט איבער פופצן מיליאָן. דאָס פאָלק וואקסט און דעם וואוקס וועט קיינער נישט אָפשטעלן. דאָס האָט באוויזן די גאנצע יידישע געשיכטע. די יידישע געשיכטע גייט ווייטער".

בעת זיין „אידישע געשיכטע" איז דערשינען אין ניו־יאָרק, האָט מען דאָרט נאָך נישט געוווסט, אז שמעון דובנאָוו איז אין יאָר 1941 דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאציס.

א חוץ דובנאָווס „יידישע פאָלקיסטישע פארטיי", וואָס האָט עקזיסטירט זייט 1906, האָט פאר א „קולטורעלע אויטאָנאָמיע" אויך געקעמפט דער אנטי־ציוניסטישער „בונד", אגודת ישראל און די קאָמוניסטן. אזוי האָבן די ציוניסטישע פארטייען געמוזט קעמפן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה קעגן אגודת ישראל, קעגן די בונדיסטן, פאָלקיסטן און קאָמוניסטן.

ווען ס'האָט זיך פארענדיקט די ערשטע וועלט־מלחמה, האָבן אויך די ציוניסטישע מנהיגים געגלויבט, בדרך כלל, אז מען דארף קעמפן פאר גלייכבארעכטיקונג און נאציאָנאלע מינדערהייטס־רעכט אין אלע לענדער ווו יידן לעבן און מען מוז נישט באלד עולה זיין קיין ארץ־ישראל. דירעקט און אומדירעקט, האָבן ציוניסטישע מנהיגים משפיע געווען אויף דער שלום־קאָנפערענץ פון 1919־1920, וואָס האָט אויף אלע נייע מדינות ארויפגעלייגט „אינטערנאציאָנאלע התחייבותן לטובת זייערע נאציאָנאלע, רעליגיעזע און שפראכלעכע מינדערהייטן". אזעלכע התחייבותן זענען ארויפגעלייגט געוואָרן אויך אויף די מדינות, וועלכע האָבן פארשפילט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי עסטרייך, אונגארן, בולגאריע, טערקיי – אָבער נישט אויף דייטשלאנד...

פאר וואָס נישט אויף דייטשלאנד? ווייל די יידן אין דייטשלאנד – אויך די ציוניסטן דאָרט – האָבן דערקלערט, אז זיי „ווילן נישט באטראכט ווערן ווי א מינדערהייט, צי ווי די מינדערהייטן אין מזרח־אייראָפע"!

אזוי האָט פאסירט, אז אין שלום־טראקטאט פון ווערסאיי, איז אויף דייטשלאנד נישט ארויפגעלייגט געוואָרן קיין שום אינטערנאציאָנאלע התחייבותן לטובת די רעכט פון די נאציאָנאלע מינדערהייטן. דעריבער האָבן די נאציס געטענהט, אז דייטשלאנד האָט ניט קיין שום אינטערנאציאָנאלע התחייבותן צו שוינען די רעכט פון די יידן און אז דער פעלקער־בונד האָט ניט קיין שום רעכט זיך אריינצומישן לטובת די יידן.

דעם שלום־טראקטאט פון ווערסאיי האָבן די דייטשן אונטערגעשריבן דעם 28 יוני 1919. אָבער שוין אין פעברואר 1920, האָבן די גרינדער פון דער נאצישער באוועגונג פארעפנטלעכט זייער פארטיי־פראָגראם מיט דער „התחייבות מבטל צו מאכן די בירגער־רעכט פון אלע יידן". דעמאָלט האָבן יידן נאָך נישט געגלויבט, אז די נאציס וועלן באהערשן דייטשלאנד אין 1933...

די לאגע האָט זיך ראדיקאל געענדערט נאָך דער שואה אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווען די מלחמה האָט זיך פארענדיקט, האָט דאָס יידישע לובלין נישט מער עקזיסטירט און צווישן די יידן אין דער גאנצער וועלט האָט זיך פארשטארקט די דעה, אז דאָס יידישע פאָלק וועט נישט קאָנען מער עקזיסטירן און פראָגרעסירן אָן אן אייגענע מדינה.

דאָס האָט משפיע געווען צו דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל אין 1948.

# 40 למדינתנו

**צפורה דסקל־וייסלפיש**

שנה רודפת שנה
ספרנו — ארבעים,
נדבך על נדבך,
הישגים כבירים.

מילים ־גבוהות
כבדה ־ העשיה,
טלאים, טלאים
לְאַחֵד?.

מעול זרים להשתחרר,
תשתית להניח
לחיים עצמאיים,
רבוניים.

ללקט פזורה
מארצות תבל,
בית להם
לבנות.

אודים לאסוף
מגיא ההריגה,
במולדת
אותם לזַכּוֹת.

ועניה הארץ
באוצרות טבע לא ברוכה,
אך לה אוצר:
זה הפוטנציאל

הגלום באומה.
עם מושפל, רדוף,
סבול ונשוא,
שומר על גחלת,
לשוב למולדת —
שאיפתו.

ואז — מתגלים
כוחות יצירה רדומים,

לא רק „המלווה ברבית"
לא רק סוחרים.

כבישים סולל,
בונה בתים,
צובר כוחות,
נמל מקים.

הוא סבל,
הוא בַנַאי,
הוא דייג,
הוא חקלאי.
הוא חייל,
הוא סַפָּן,
הוא טייס,
הוא תותחן.

ללחום יודע,
תְהיה מעורר,

את עמו מַציל
מאויב מתנכל.

יש נצחונות מזהירים,
יש כשלונות כואבים,
יש יתומים מאב,
יש הורים שכולים.

יש ימים שמחים,
יש כבדים משׂאת,
כך נבנתה ארצנו,
כך היא נבנית.

ויפה היא,
מִכּוֹל יש בה,
בתי אולפנא, אוניברסיטאות,
ואנשי מדע.

לשלום מייחל העם
ואין עוד מנוחה,
ביסורים כה נבנית
הריבונות והנחלה.

אשרנו — שכך זכינו,
אחרי גלות חשוכה,
אַת מולדת לעמנו
ארץ יקרה.



**די 7 טע קלאס פון דער „פּאָושעכנע" מיידל־שול, אָנגעפירט פון דער דירעקטאָרין שטאַטמאַנאָווא.**
**(דאָס בילד האָט צוגעשטעלט צעשא הערשטיין, רמת־גן).**

# לובלין אין דער יידישער געשיכטע

**(קאפיטל פון א גרעסערער ארבעט)** • **נ. שמן, טאָראָנטאָ**

לובלין פארנעמט אן אָנגעזען אָרט אין דער יידישער געשיכטע פון מזרח־אייראָפּע – עס איז די שטאָט פון רבי יעקב פּאָלאַק, רבי שלום שכנא, מהרש״ל, מהר״ם, רמ״א און אנדערע גדולי חכמי ישראל, טיטולירט „חכמי לובלין".

די ארכיוון פון לובלין זענען צעשטערט געוואָרן צוליב שריפות, מלחמות און אָנפאלן מצד אויסערלעכע שונאים. אין דער ליטעראטור קאָן מען זען, ווי גרויס און וויכטיק לובלין איז געווען: א צענטער פון א יידיש לעבן אויף אלע געביטן, ווו ס'האָבן געפונען זייער אָרט אלע ריכטונגען אינעם יידישן לעבן.

דער היסטאָריקער מאיר באלאבאן שרייבט וועגן ארכיוו:

„פון דעם קהילה־ארכיוו אין לובלין, איז נישט געבליבן קיין זכר, א פנים, אז אלץ איז פארברענט געוואָרן בעת דער לעצטער שריפה אין יאָר 1856. טיילן פון פנקסים געפינען זיך אין פריוואטע הענט, אָבער נישט קיין הונדעט־חלק דערפון, וואָס ס'האָט געדארפט איבערבלייבן פון לובלין (עטלעכע ווייניקער אינטערעסאנטע זכרונות גיט דער פארשטאָרבענער ש. ניסענבוים, אין זיין מאמר „קדמוניות ועוללות", וואָס איז ביז איצט נאָך נישט פארעפנטלעכט).

„פון יאָר 1580, זענען אין לובלין כסדר פאָרגעקומען די צוזאמענפאָרן פון ועד ארבע הארצות און מען קאָן כמעט זיין זיכער, אז די פּראָטאָקאָלן־ביכער האָבן זיך געפונען אין דער קאנצעלאריע פון דער קהילה. ווו זענען זיי אהין געקומען? דאָס ווייסט קיינער נישט. אפשר זענען זיי פארברענט געוואָרן צוזאמען מיט דעם גאנצן יידישן שטאָט־טייל אין יאָר 1655, בשעת די רוסן האָבן איינגענומען די שטאָט אונטער דער אָנפירונג פון פעטער איוואנאָוויטש שערעמעטיעוו (באלאבאן „די יודענשטאטדט פאָן לובלין, בערלין 1919, ז״ז 49־42). כ'האָב אויך געזוכט די דאָזיקע וועד־פּראָטאָקאָלן אין יאראָסלאוו און אין אנדערע שטעט, אָבער אומזיסט, ס'איז נישטאָ פון זיי קיין זכר..." (ליט. בלעטער, נומ' 46 (289), ז' 904, 1929).

באלאבאן שרייבט ווייטער, אז די פנקסים פון ליטווישן וועד געפינען זיך אין דריי קאָפּיעס און אז דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו האָט זיי ארויסגעגעבן אין צוויי אויסגאַבעס. דער ווילנער פנקס – שרייבט ער – געפינט זיך אין דער סטראשון־ביבליאָטעק אין ווילנע. ער איז זיך משער, אז דער לובלינער פנקס – אויך די וועד־פּראָטאָקאָלן – זענען בכוונה פארברענט געוואָרן, צוליב מורא פון א רעגירונגס־קאָנטראָל „ווי מ'קען ארויסדרינגען פון אקטן פון די יאָרן 1739 און 1759". מ'האָט געמוזט פאבריצירן – לויט אים – בודזשעטן און חשבונות...

פאר פאָרשער ווערט קיין זאך ניט פארברענט. מ'פאָרט אזוי לאנג, ביז מ'ראטעוועט ארזים פון פייער וואָס עס לאָזט זיך ראטעווען – און דאָס האָט געטאָן פּראָפ' ישראל היילפּערין, שאפנדיק און צוזאמענשטעלן א „פנקס ארבע ארצות" (ערוך בידי ישראל היילפרין, ירושלים תש"ה, הוצ' מוסד ביאליק של הסוכנות היהודית לארץ־ישראל). פון אָט דעם צוזאמענגעשטעלטן פנקס און פון אנדערע פּאָרש־ארבעטן, שיינט ארויס לובלין מיט אירע מנהיגים און גייסטיקע פירער אין דער תקופה, ווען לובלין איז געשטאַנען אין צענטער פון אלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין מלכות פוילן.

איינע פון די אָנגעזעענסטע משפחות אין לובלין אין יענער עפּאָכע, איז געווען די האלפערן משפחה. איינער פון דער משפחה, ר' מרדכי ר' לייבעשעס, האָט געהאט צוויי זין: ר' אברהם אבלי – רב אין זשאָלקאָוו, און ר' ישראל איסר, א פרנס אין וועד ד' ארצות. ער האָט אויך געהאט צוויי טעכטער. איינע איז געווען די פרוי פון אלכסנדר סענדער שור, מחבר פון באוווּסטע הלכה־ספרים: תבואות שור, שמלה חדשה א״א (געדרוקט אין זאלקוואָ, תצ״ג). ער האָט ניט געוואָלט נהנה זיין פון רבנות, האָט ער זיך מפרנס געווען פון מסחר. די צווייטע טאָכטער האָט חתונה געהאט צום גאונישן ר' יצחק הכהן ראפּאפּאָרט פון אסטראָהּ (דערמאָנט אין ספר „דעת קדושים").

געווען א ייד ר' אבלי לובלינער, האָט מען אים גערופן, ער און זיין זון ר' ישראל איסר זענען באערדיקט אויפן אלטן לובלינער בית הקברות און אזוי רבנים פון אנדערע שטעט, האָבן זיך געגרויסט מיט לובלינער יחוס, מיטן יחוס האלפערין־ראפּאפּאָרט.

איינער פון די, ר' משה פנחס, רב אין זאלקוואָ, חתמעט זיך אויפן ספר „לוחות העדות" פון ר' יהונתן אייבעשיץ: משה פנחס בר״א מלובלין. ער איז געווען פון די לעצטע פרנסים פון וועד ד' ארצות. איינער פון די זין, ר' אברהם ב״ר חיים, איז געווען דער לובלינער רב, תלמיד פון ר' יהונתן אייבעשיץ (געב. פינטשעוו, ת״נ־1690; תקכ״ד־1764). ער האָט זיך אקטיוו באטייליקט אינעם קאמף קעגן די קעגנער פון ר' יהונתן. זיין שוואָגער איז געווען דער זאמאָשטשער רב, ר' יעקב יצחק (נ' תקי״ג).

ר' משה היילפּרין (אָדער האלפערין) האָט געשטאמט פון בריסק, איז געווען א שוואָגער פון מהרש״א, און א שווער פון ר' משה ליפשיץ־אשכנזי, בריסקער רב, וועמעס זון ר' אברהם איז געווען ראש ישיבה אין לעמבערג (נפטר, ת״ט־1649). ר' משה'ס זון ר' אברהם, איידעם פון מהר״ם לובלין. ער איז געחתמעט אויף איינעם פון די כרוזים פונעם וועד ד' ארצות, יריד גראָמניץ (אין יאָר תט״ו).

אויסרעכענען אלע לובלינער רבנים איז אוממעגלעך, אוודאי נישט־די שידוכים־פארבינדונגען. דער דערמאָנטער ר' אברהם האָט געהאט דריי זין און איין טאָכטער און זיך משדך

געווען מסלתה ומשמנה פון פויליש־גאליציש יידנטום.

י.ד. אייזנשטאדט אין זיין „דעת קדושים" גיט אָן א גענויע משפחה־כראָנאָלאָגיע פון דער פארצווייגטער האלפערין־משפחה אין זייער לובלינער באגין און זייער אָרט און ראָל אין אנדערע שטעט (זע. לעווינשטיין, דור דור ודורשיו: ישראל היילפערין, פנקס וועד ארבע ארצות א"א). אין דער מחלוקת צווישן ר' יעקב עמדין (תנ"ח־1698; תקל"ו־1776) און ר' יונתן אייבעשיץ, האָבן די לובלינער רבנים ביים וועד גענומען א שארפע שטעלונג קעגן ר' יעקב עמדין, אָנגעפירט פון ר' חיים האלפערין. און ר' יעקב עמדין האָט געשריבן צום וועד א שארפן בריוו, אָנרופנדיק אים „ר' חיים לובלינער", דער ארויסגעבער פונעם חרם (ר"ח אייר, תקי"א – 1751) קעגן די יעניקע, וועלכע האָבן באשולדיקט ר' יהונתן אייבעשיץ אין נאָכפאָלגערשאפט פון שבתי צבי מיסטיציזם.

ר' יעקב עמדין רופט אָן דעם רבי'ן ר' יהונתן מיט די ערגסטע נעמען און זיין לובלינער פארטיידיקער רופט ער אָן א „משענת קנה רצוץ"...

די דאָזיקע מחלוקה איז געווען פון די שארפסטע – און זיך אָפגעשפילט ביים וועד אין לובלין. לויט דער מיינונג פון היסטאָריקער, איז דאָס געווען איינע פון די גורמים פאר דער אויפלייזונג פון ועד ד' ארצות, וועמעס לעצטע זיצונגען זענען אָפגעהאלטן געוואָרן אין קאָנסטאנטין, פילץ א"א מקומות.

ווי געזאָגט, איז דאָס געווען בלויז איינע פון די סיבות. ס'האָבן זיך געשאפן נאָך שווערקייטן אָנצוגיין מיטן וועד און ס'האָט זיך אויך אריינגעמישט די פוילישע רעגירונג, וואָס האָט געזוכט מבטל צו מאכן די אויטאָריטעט פונעם וועד, וואָס האָט געהייסן א רעגירונג אינערהאלב א רעגירונג. דער סוף איז געווען: יוני, דעם ערשטן 1764 (א' סיון תקכ"ד), האָט דער סיים (פוילישער פארלאמענט) באשלאָסן מבטל צו מאכן דעם הויפט־וועד. לובלין האָט אויפגעהערט צו זיין דער צענטער פון חכמי ומנהיגי ישראל – אָבער געבליבן צענטער פון תורה און חסידות, ווייט אריבער די גרענעצן פון מלכות פוילן.

דער וועד האָט אָנגעהאלטן זיין אויטאָריטעט און זיצונגען פון יאָר ה' תכ"ז ביזן יאָר התקכ"ד. ס'איז אָבער באשערט געווען, אז ביים סוף זאָל גאָר ווערן א מחלוקת, בעת די צילן פונעם וועד איז געווען אחדות. די מחלוקה איז אָנגעגאנגען אין פולן ברען. ר' יעקב עמדין, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אינעם ספר „שפת אמת, ולשון של זהורית, אלטונא, תקי"ב, האָט געסטראַשעט, אז די קהילות אין מדינות אשכנז וועלן ניט שטיצן דעם וועד, צוליב דער האנדלונג פון לובלינער רב ר' אברהם חיים האלפערין (זע, דוד כהנאָ, תולדות המקובלים, השבתאים והחסידים, ב').

פראָפ' היילפערין (פנקס וועד ד' ארצות, ז"ז 339־340) ציטירט א צאָל בריוו פון ביידע צדדים און צוו"א – דעם קול קורא, וועמענס מחבר איז געווען דער דערמאָנטער לובלינער רב, תלמיד פון ר' יהונתן אייבעשיץ.

דער איסור און חרם קעגן די וועלכע האָבן געוואגט צו רעדן שלעכטס אויף דעם רבין ר' יונתן איז פראָקלאמירט געוואָרן י"ב אלול, תל"ב (3 טער סעפט, 1672) מיט די שארפסטע ווערטער „חרם גדול ונוראָ בתקיעת שופר וכבוי נרות על הפושעים ועל הריקים". (דער דאָזיקער חרם איז געווען געווענדט קעגן די אונטערשטיצער פון שבתי צבי און צו דער זעלביקער צייט פארטיידיקט ר' יונתן אייבעשיץ און טאדלט זיינע באשולדיקער (זע, היילפערין – פנקס, באריכות).

ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, איז אויף דער דעקלאראציע פון לובלינער רב אָנגעקומען שארפע פראָטעסט־בריוו. ס'איז געווען א פאָלעמיק, געפירט מיט כעס און זידלערייען. אזוי אויך – שרייבט צום וועד ארבע ארצות ר' שמואל הילמאן, הויפט־רב פון מעץ און אומגעגנט.

פארשטייט זיך אז מיט די דאָזיקע בריוו איז נאָך די מחלוקה ניט איינגעשטילט געוואָרן. ס'זענען געגאנגען בריוו צו די אָנגעזעענע רבנים פון ביידע צדדים. די רבנים אין דייטשלאנד האָבן געזען א געפאר אין זיין געבן קמיעות און אנדערע מיסטישע מעשים, אז דאָס קאָן, חלילה, פירן צו אָנערקענען דעם „צבי שבור ש"ץ שר"י" און געדאנקט מיט לויב די שטעלונג פון ר' יעקב עמדין, ווי עס ווערט אין איינעם פון די בריוו אויסגעדריקט: „דרך כוכב מיעקב, קנאי בן קנאי, הלא הוא הרב המה"ג המפורסם מוהר"ר יעב"ץ נר"ו", דעם אָנפירער פונעם קאמף קעגן דעם בעל הקמיעות.

זיי האָבן געטאדלט דעם לובלינער רב, פאר זיין איינשטעלן זיך פאר דעם רבי'ן ר' יהונתן און געהאלטן, אז ר' יעקב עמדין האָט מקדש השם געווען מיט זיין שטעלונג. אויך דער אנדערער צד האָט ניט געשוויגן.

איינער פון די וועלכע האָבן געהאלטן מיט ר' יעקב עמדין, שרייבט צו ר' אברהם, רב אין ליסע:

„הישמע הנראה כזאת, איש צעיר ונקל כזה, ינופף ידו במדינת אשכנז, אשר שמה יושבים כסאות למשפט, רבני גאוני ארץ, אשר קטנם עבה ממתניו..."

ער וואָלט געקענט – שרייבט ער – ארויס אין קאמף קעגן לובלינער רב און די וועלכע האָבן געחתמעט אויף דעם כרוז, ווי חרם – אָבער אלע פיילן פון ר' יעקב עמדין זענען געווענדט קעגן „ר' חיים אב"ד מלובלין, אשר הצריח אף הריע בקול תרועת חרם על מוהר"ר יעקב הנזכר ועל תרי גבראָ יקירי ונכבדי ה"ה הרב המופלג מוהר"ר נחמיה ריישר" (אייניקל פון ר' יעקב ריישר רב אין מעץ).

פון די וועלכע האָבן אונטערגעשריבן דעם חרם, איז געווען „שלמה דיינאָ וספראָ דמתאָ, דק"ק לובלין והגליל ודד"א", אָבער פאראנטוואָרטלעך פאר דעם חרם איז געווען דער לובלינער רב ר' אברהם חיים היילפרין צוזאמען מיטן ראש בית דין ר' מרדכי קאצענלבויגן.

דער וועד האָט זיך אויך אָפגעגעבן מיט תקנות עגונות, וואָס איז דאן געווען א שווערער פראָבלעם. ווי פראָפ' היילפרין, וואָס האָט געארבעט איבער צוואַנציק יאָר צוזאמענצושטעלן דעם פנקס – גיט אָן, זענען ארויסגעגעבן געוואָרן הונדערטער תקנות, שאלות ותשובות, אויפזוכן מענער, אויפזוכן אזעלכע וועלכע האָבן גענדארפט געבן חליצה און ענלעכע פאמיליארע תקנות.

לויטן צוזאמענשטעל, זענען איבער זיבן הונדערט קהילות חרוב געוואָרן און דער וועד האָט זיך פארנומען מיט הצלה־ארבעט – און די אלע עניינים זענען באהאנדלט געוואָרן אין לובלין, דעם צענטער פון רבנות, ישיבות און פון מסחר.

# „וואַרף אַוועק דיין קינד, וועסטו זיין ביי מיר"

שבע גלאַס־ווינער

דערציילט פון שרה שיינפעלד, געבוירן 1910 אין לובלין. געוווינט אין לאַנער שטייער. (עסטרייך, אַמער, זאָנע).

דאָס פרידלעכע יידישע לעבן אין אונדזער שטאָט לובלין, ווערט נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן איבערגעריסן. טאָג־טעגלעך ווערן דורך די דייטש־פאַשיסטישע מערדער געשאָסן אומשולדיקע קרבנות. צוערשט ווערט אויסגעהרגעט די יידישע אינטעליגענץ. דער פעאיקער אַרבעטער־עלעמענט ווערט אַרויסגעפירט אין די כלומרשטע אַרבעטס־לאַגערן. מיר, די איבעריקע יידן, זיצן פאַרשפאַרטע אין די געטאָ־שטייגן און ציטערן ווי אַ סטאַדע שעפסן, בעת עס שרעקן זיי וועלפישע ציינער.

מיין מאַן ווערט נאָך פאַר דער ערשטער אַקציע אַרויסגענאַרט פון בעט און ביינאַכט אין דעם שכנותדיקן וועלדל דערשאָסן. איך ווער אַן אלמנה מיט 3 קליינע קינדערלעך, פון וועלכע דאָס עלטסטע, אַ מיידעלע, איז אַלט 8 יאָר, די צווייטע — 6 און דאָס יינגסטע, אַ יינגעלע, 2 חדשים. אין אַ קורצער צייט שפּעטער, אין אַפּריל 1942, האָט מען שטאַרק אָנגעהויבן שמועסן, אַז די דייטשן גרייטן צו אַ קינדער־אַקציע. מאמעס הערצער ווערן צעריסן, טאַטעס הענט רוען נישט. מען בויט בונקערס. אָבער ווער זאָל דאָס טאָן פאַר מיר מיט מיינע קינדער? אומעטום שטויסט מען מיך אַרויס צוליב מורא, אַז דאָס פיצל קינד זאָל, חלילה, נישט פאַרראַטן מיט זיין געוויין. נאָך פיל באַמיאונגען, געלינגט מיר איינצולאָקירן די צוויי עלטערע קינדער ביי מיינעם אַ קרוב. אָבער ווו זאָל איך זיך אַהינטאָן מיט מיין עופעלע?

פאַרטאָג. אַ שרעקלעכער רעגן און ווינט האָבן געריסן די לאָדן פון די יידישע געטאָ־הייזער, ווי זיי וואָלטן אָנגעזאָגט די ביטערע בשורה. איך לויף מיט מיין פיצל קינד אויף דער האַנט איבערן הויף ווי אַ משוגענע, זוכנדיק ערגעץ וווּ אַן אויסבאַהעלטעניש. פּלוצים־אַ געדאַנק: איך וועל מיין קינד באַהאַלטן אינעם מיסט־קאַסטן און ווי נאָר די אַקציע וועט אַריבער, וועל איך דאָס אַרויסנעמען. איך האָב גלייך פאַרפאַקט מיין זונעלע אין אַ־ קאָלדרעקע, ווייך איינגעטוליעט, פון אונטן אונטערגעלייגט אַ־ צעראַטקע, אין מיילעכל אים געגעבן אַ מאַמקלע פול מיט צוקער און לויז צומאַכנדיק דעם צודעק, האָב איך געלאָזן פריי אַ קליין שפּאַרונקעלע... מיט אַ שווער האַרץ און ביטער געמיט, האָב איך פאַרלאָזן מיין פיצל קינד.

אַ גאַנצן טאָג האָבן די מערדער גראַסירט איבער דעם געטאָ. אַרויסרייסנדיק די קינדער פון די מוטערס אָרעמס, פלעגן זיי מיט די באַשטיוולטע פיס זייערע קעפּלעך צעקנאַקן.

מיט דער מיטהילף פון אוקראַינער און פוילישע אויסוואָרפן, האָבן זיי נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין באַהעלטעניש. אויך דער בונקער ווו מיינע טייערע 2 קינדער האָבן זיך געפונען, איז דורך די באַנדיטן אַנטדעקט געוואָרן. אַ הונט, וועלכן די ס.ס.־לייט האָבן מיטגענומען, האָט מיט איין שפּרונג אַריינגעטאַנצט אין בונקער און גענומען רייסן די קינדער. ספּאַזמאַטיש געוויין האָט זיך אויסגעמישט מיט די ווילד־צופרידענע הוראַ־געשרייען פון זייערע מערדער. איך האָב אויפגעהויבן מיינע פאַרבלוטיקטע קינדער, פּרובירנדיק זיי מינטערן, אָבער די דייטשן האָבן מיר די קינדער פון די הענט אַרויסגעריסן און מיט סאַדיסטישער הנאה, ווי געשאָכטענע האָזן, ביי די פיסלעך זיי געשליידערט אינעם אויטאָ.

אָונט־צייט, ווען די ווילדע אַקציע איז איינגעשטילט געוואָרן, בין איך אַרויס צום מיסטקאַסטן — און וואָס פאַר אַ וונדער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן! איך האָב זיך אַליין נישט געגלויבט דערזעענדיק, אַז, מיין קינד האָט, ווי געווייינלעך, אויפגעעפנט די בלויע אייגעלעך און מיט אַריין שמייכלעע אויף מיר אַ קוק געטאָן.

אפילו פאַר דעם געזונטסטן, דערוואַקסענעם מענטשן וואָלט שווער געווען אויסצוהאַלטן אַזאַ דושנע, עיפּושדיקע לופט פון אַ קוים נישט־צוגעדעקטן מיסטקאַסטן. און נאָך גרעסער איז דער וווּנדער, וואָס אַ גאַנצן טאָג האָבן די אוקראַינער מיט האַמערס געהאַקט, נאָענט אַרום דעם מיסטקאַסטן, זוכנדיק דאָרט אַ פאַרמאַסקירטן בונקער — און מיין זונעלע נישט דערהערט. פון דעמאָלט אָן האָב איך באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז אָפּצוראַטעווען מיין איינציק געבליבן קינד.

איך בין גלייך דעם זעלבן אויפדערנאַכט אַנטלאָפן מיט מיין קינד אין דאָרף אַריין. אָבער קיין שום פויער האָט מיך נישט געלאָזט איבערטרעטן זיין שוועל.

די פרומע קריסטן פלעגן מיר זאָגן, אַז די יידן זענען „בעזבאָזשניקעס"; די רייכע האָבן געשריגן, אַז יידן זענען קאָמוניסטן; און אָרעמע פויערים האָבן געטענהט: יידן האָבן געוואָלט די מלחמה, און אַז דאָס גאַנצע גאָלד איז איינגעשטאַנען אין יידישע הענט... וואָלטן זיי עס כאָטש פאַרטיילט צו די קריסטן, וויסנדיק אַז זיי גייען צום טויט? אַלע זענען זיי געווען איינשטימיק מיט אונדזער פאַרניכטונג.

איך האָב אַראָפּפאַרקויפט פון זיך ביז צום לעצטן העמד און אַן אָנגעטאָענע אין אַ זאַק, פלעגן מיר די קינדער נאָכלויפן און שרייען „זשידוווקאַ וואַריאַטקאַ" (יידישע משוגענע).

אַלע טירן זענען געווען פאַר מיר פאַרהאַמערט. טייל קריסטן האָבן זיך דערשראָקן פאַר מיין הילוך און זיך פרום איבערגעצלמט. אַ „גוטע" קריסטין האָט מיך געוואָלט אַריינגעמען צו זיך אויס רחמנות בתנאי: „אַז דו וועסט אַוועקוואַרפן דיין קינד, וועסטו קענען זיין ביי מיר. וועסט קאָכן, רוימען און דיר וועט גאָרנישט פעלן".

זומער־צייט האָב איך גענעכטיקט אין פעלד, צווישן תבואה און אויך דאָרטן פלעג איך איבערלאָזן מיין קינד אַליין, בעת איך האָב זיך געלאָזט גיין בעטלען איבער די דערפער. שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן רעקוויזירט די תבואה און מיט קאָסעס געשטאָכן אינעם שטרוי, זוכנדיק יידן — האָב איך באַשלאָסן צו גיין אין וואַלד אַריין, צו די פאַרטיזאַנער.

דורך ביינאַכטיקע וועגן און טיפע זומפּן האָב איך אַ באָרוועסע געבראָדיעט מיטן קינד אויף די אַקסלען, ביז איך האָב זיך דערשלאָגן צו די פאַרטיזאַנער. ווי אַנטוישט בין איך אָבער געוואָרן, ווען אויך דאָרט איז מיר אוממעגלעך געווען צו בלייבן צוליבן קינד: „וואַרף אַוועק דיין קינד וועסטו קענען זיין מיט אונדז!" איבעראַל און אומעטום האָבן מיך פאַרפאָלגט די זעלבע ווערטער. אַ יידיש קינד איז געווען דאָס ביליקסטע באַשעפעניש, נאָך ביליקער ווי אַ הונט.



teatrnn.pl

# די ראָל פון לובלין אין דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן

**שמואל שיפמאַן / מעלבורן**

דעם 9טן נאָוועמבער 1942, האָבן די נאַציס אויף אַ שוידערלעכן אופן פאַרענדיקט דאָס רומפולע קאַפּיטל, וואָס דאָס לובלינער יידנטום האָט אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון יידן אין פוילן.

ס'איז כאַי צו דערמאָנען דעם ועד ארבע ארצות, די פּאַקטישע יידישע אויטאָנאָמע קערפּערשאַפט פון 16טן יאָרהונדערט, וואָס האָט באַווירקט און געשטאַלטיקט דאָס יידישע לעבן און במשך הונדערט יאַר געהאַט זיין זיץ־אָרט אין לובלין.

אויך אין דער תקופה צווישןביידע וועלט־מלחמות, האָט לובלין מיט אירע 40 טויזנט יידן, צוזאַמען מיט די אַרומיקע יידישע שטעטלעך, פאָרגעשטעלט מיט זיך איינע פון די קאָלירפולסטע יידישע שטעט אין פוילן, ווו ס'האָט פולסירט א־פּולבלוטיק יידיש לעבן.

פּאַראַלעל מיט רעליגיעזע חדרים און תלמוד־תורהס, די י.ל. פּרץ־שול, פּאָרשולן, „תרבות"־שול, פּריוואַטע יידיש־פּוילישע גימנאַזיעס, די גרויסע ישיבה חכמי לובלין, פאָלקס־סעמינאַרן, ספּאָרט־קלובן, יידישער אינטעליגענטן־קלוב, געזעלשאַפט פאַר לאַנד־קענטעניש, יידיש טעאַטער, אַ טעגלעכע צייטונג „לובלינער טאָגבלאַט", אַ וועכנטלעכע צייטונג פון „בונד" („לובלינער שטימע"), אויסער פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון פאַרשידענע פּאַרטייען.

לובלין האָט געהאַט גוט אָרגאַניזירטע יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, האַנטווערקער־כאַלופניקעס און סוחרים־אָרגאַניזאַציעס. „ביקור חולים", „לינת הצדק", „הכנסת אורחים", „טאָז", „יידישער שפּיטאָל א"א, האָבן דערגאַנצט דאָס בילד פון אַ לעבעדיקער לובלינער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

דאָס זעלבע בילד באַקומט זיך אויפן געביט פון פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן געווירקט אין יידישן לובלין. אויסער דעם „בונד" און „אגודה", זענען אויך טעטיק געווען ציוניסטישע פּאַרטייען, ווי „פּועלי־ציון", „השומר הצעיר", רעוויזיאָניסטן, אלגעמיינע ציוניסטן, מזרחי. אין יידישן לובלין האָט געקאָכט און געברויזט מיט פאַרזאַמלונגען, רעפעראַטן, לעקציעס, פאָלקס־אוניווערסיטעטן און אונטערנעמונגען פון פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער, אויף וועלכע מען האָט אויסער אייגענע, לאָקאַלע כוחות, אויך אַראָפּגעבראַכט פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן פון וואַרשע.

דאָס אַלץ וואָס איז געווען אין יידישן לובלין לעבעדיק און טעטיק, איז פאַרשניטן און אָפּגעמעקט געוואָרן דורך דעם גרויזאַמען נאַצישן מאָרד־אַפּאַראַט. ס'איז אַ שרעקלעך טייוולאָניש שפּיצל פון דער געשיכטע, אַז דווקא אין אַ פאָרשטאָט פון לובלין (מיידאַנעק), זאָל אויפגעשטעלט ווערן איינע פון די שוידערלעכסטע מאָרד־פאַבריקן, באַשטימט פאַר דער מאַסן־פאַרניכטונג פון אייראָפּעישן יידנטום.

די יידן פון לובלין, וועמענס לאַגע איז געווען אַ ביז גאָר פאַרצווייפלטע, האָבן געמוזט אויפנעמען נישט נאָר יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, נאָר אויך פון ווייטע שטעט ווי לאָדזש, קאליש, זלאָטשעוו און אַנדערע ערטער, און אין דער ענגשאַפט און הונגער, זיך ראַנגלען מיט די אויסזידלונגען צווישן מערץ 1942 ביז נאָוועמבער 1942 — ביז דער גרויסער פאַרניכטונגס־אקציע.

חורבות און אַש, בערג מיט שיך — אָט דאָס איז די ירושה, וואָס איז געבליבן פון אונדזער היימשטאָט — דאָס לעבעדיקע יידישע לובלין.

היינט צום 46־טן יאָרטאָג פון חורבן לובלין, שטייען מיר מיט געבויגענע קעפּ פאַר די אומגעזעענע קברים און מיט אַ צעווייטיקט האַרץ, פול מיט צאָרן און האַס קעגן דעם דייטשן מערדער־פאָלק.

כבור אונדזערע קדושים! אייביקע פאַראַכטונג זייערע מערדער!

(„אויסטראַלישע יידישע נייעס", מעלבורן, 20.11.87)

---

→

מיר איז שווער געווען צו באַשליסן: איך, אָדער ביידע נישט... איך האָב זיך געראַנגלט מיט די לעצטע כוחות. דאָס קינד איז שוין אַלט געווען אַנדערטהאַלבן יאָר און האָט ביי מיר געהאַט אויסגעזויגן דאָס לעצטע ביסל כוח פון מיין קערפּער. איך האָב אָבער באַשלאָסן דעם קאַמף נישט אויפצוגעבן און אויב אומקומען — ביידע צוזאַמען.

מיט גרויס האַרצווייטיק בין איך אַוועק פון די פּאַרטיזאַנער און אַליין, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, האָב איך אויסגעגראָבן אַ זעמלאַנקע, אויסגעבעט פאַר מיין קינד אַ וואַרעם געלעגערל מיט אַ סך שטרוי, ווי אַ שוואַלבן־נעסט. פון די פעלדער פלעג איך צוזאַמענקליבן קאַרטאָפל און גרינסן, וועלכע איך פלעג עסן רויערהייט.

מיין קינד האָט דריי יאָר צייט, ביז צו דער באַפרייאונג, געזויגן מיין פאַרדאַרטע ברוסט און אַזוי האָב איך עס געהאָדעוועט אויף אַלע מיסטן, ווי עפּעס אַ ווילד באַשעפעניש.

דאָך איז מיין זונעלע אויסגעוואקסן א שיין, געראָטן קינד מיט אַ קלוג קעפּלע, נאָר זיינע בלויע אייגעלעך קוקן תמיד אַזוי מאָדנע, ווי זיי וואָלטן טראָגן אַ באַשולדיקונג קעגן דער אַרומיקער וועלט, וואָס האָט מיט אַזויפיל אכזריות געפּייניקט אים, צוזאַמען מיטן יידישן פאָלק.

---

## האזכרה לקדושי לובלין

**ביום ג' 22.11.88**
**ב־7 בערב בבית המלין**
**בתל־אביב. האולם פתוח משעה 6.**

# דער נס אין לובלין

**(צומאָרגנס נאָך דער באפרייאונג)**

די אַלטע פוילישע שטאָט האָט אָפּגעאָטעמט פריי. אין איינע פון די גרעסטע געביידעס האָט זיך באַזעצט די ערשטע פוילישע פאָלקס־רעגירונג. די גאַסן זענען פול מיט מיליטער־לייט און פאַרטיזאַנער. נישט געקוקט דערויף, וואָס די שלאַכטן קומען פאָר נישט ווייט פון שטאָט און פון צייט צו צייט באַווייזן זיך פיינטלעבע עראָפּלאַנען — אין דאָך די באַפעלקערונג אַרויס אין גאס.

מענטשן שטראָמען מאַסנווייז אויפן וועג, וואָס פירט צום טויטן־לאַגער מאַידאַנעק. פיר יאָר איז דער וועג געווען שטרענג געהיט דורך עס־עס־לייט. די באַפעלקערונג האָט אין פארלויף פון דער צייט איינגעזאַפּט אין זיך דעם רויך פון הונדערטער טויזנטער פארברענטע קערפּערס. היינט איז דער וועג פריי. קיינער היט אים נישט מער, די היטער זענען אין בהלה אַנטלאָפן און נישט באַוויזן אַפילו צו פאַרווישן די שפורן. עס שטראָמען טויזנטער מענטשן, וואָס זוכן זייערע קרובים און פריינד. קיינער רעדט נישט קיין וואָרט. עס פליסן טרערן, עס ביילן זיך פויסטן, עס גליען די אויגן פון חרפה און האס.

ביז איצט האָט מען בלויז געהערט וועגן דעם וואָס עס קומט דאָרט פאָר, זעלטן ווער האָט געגלויבט, אַז מען ברענט מענטשן.

אָבער טרעפנדיק זיך אויג אויף אויג מיט דער טראַגישערווירקלעכקייט, מיט די טויזנטער קינדערישע שיכלעך, בערג מיט ברילן, הויפנס שיך און אַש פון מענטשן, פושקעס „ציקלאָן"־גאַז — האָט אַ קללה פאר די היטלעריסטישע באַנדיטן זיך אַרויסגעריסן פון אַלעמענס ליפּן.

אין שטאָט האָט זיך דאָס לעבן גענומען ביסלעכווייז נאָרמאַליזירן. די רעגירונג האָט פאַראָרדנט אָפּצומעקן אַלע שפורן פון דער אָקופּאַציע־צייט. פון די מויערן זענען פאַרשוווּנדן די אומצאָליקע היטלערישע „באַקאַנטמאַכונגען", וועלכע האָבן זיך שטענדיק געענדיקט מיט טויט־שטראָף. אויף זייער אָרט איז געקומען דער מאַניפעסט פון דער ערשטער פוילישער פאָלקס־רעגירונג, דער מאַניפעסט פון לעבן און פרייהייט. מענטשן האָבן זיך געזאַמלט פאר די פלאַקאַטן און מיט טרערן אין די אויגן זיי געלייענט, פאָרט דערלעבט די באַפרייונג! אַלע בירגער זענען גלייך!

עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן יידן. מערקווירדיקע יידן: מיט וואָנצעס, מיט פויערישע היטלען אין הלבשה, נישט גלויבנדיק, אז זיי זענען פריי, האָבן זיי זיך געשלייכט איבער די גאסן און געקוקט אַרום זיך מיט דערשראָקענע אויגן...

יידן האָבן זיך דערקענט נישט לויט דעם אויסערלעכן אויסזען, נאָר מיטן אינסטינקט. מען האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט דער מפלה פון היטלעריזם און גלייכצייטיק געוויטיקט איבער דעם אומקום פון די נאָענטסטע.

דער זאמל־פונקט איז געווען דער ערשטער יידישער קאָמיטעט, וועלכער איז אַנטשטאַנען גלייך נאָך דער באַפרייונג.

די מלחמה איז נאָך געווען אין פולן ברען. אַלץ איז נאָך געגאַנגען פאַרן פראָנט. נישט געקוקט דערויף, האָט די רעגירונג מיט דער גרעסטער פאַרשטענדעניש און ברייטהאַרציקייט געשטיצט דעם אויפבוי פון דער ערשטער יידישער־קולטור־נעסט — דאָס פרץ־הויז. אין דעם הויז האָבן מיר אָנגעהויבן זאַמלען די רעשטלעך געראַטעוועטע יידן.

מיר זענען נאָך געווען פאַרטשאַדעט פון דעם איבערגעלעבטן קאָשמאַר. דאָך האָבן מיר שוין געבילדעט אַ טרעף־פונקט פאר אונדזערע אָפּגעראַטעוועטע ברידער און שוועסטער פון פאַשיידענע אייראָפּעישע לענדער, וועלכע זענען אַהער פארשלעפּט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן.

אין דעם הויז זענען אַריבערגעפירט געוואָרן די ערשטע אכצן יידישע קינדערלעך, וועלכע אַ סאָוויעטישער טאַנק האָט אָפּגעראַטעוועט די לעצטע מינוט. דער נס איז געשען אויף די לובלינער גאַסן. די דייטשן זענען אַנלאָפן אין גרויס בהלה און מיטגעשלעפּט מיט זיך זייערע קרבנות פון מאַידאַנעק. אַ סאָוויעטישער טאַנק האָט זיך אַריינגעריסן אין שטאָט און זיי געשטערט אויסצופירן דעם מאָרד.

עס דערמאָנט זיך מיר אן עפּיזאָד פון יענער צייט. דאָס איז געווען אין האַבסט 1944 יאָר. קיין לובלין איז געקומען דורך מאָסקווע אַ גרופּע מלחמה־קאָרעספּאָנדענטן פון דער ענגלישער און אַמעריקאַנער אַרמיי, מען האָט זיי אַוועקגעפירט ווייזן מאַידאַנעק. זיי זענען געווען דערשיטערט פון דעם, וואָס זיי האָבן דאָרט געזען. די ענגלענדער האָבן נערוועז געצויגן די לולקעס, געמורמלט עפּעס דורך די ציין און געשטאָנען פארגליווערט, די אַמעריקאַנער האָבן, קייענדיק גוט די גומע, אויך אויפן קול געשאָלטן די דייטשע באַרבאַרן. נאָך מאַידאַנעק זענען זיי געקומען באַזוכן אונדזערע אָפּגעראַטעוועטע קינדער. זיי האָבן זיך שטאַרק איבערגענומען מיטן שלעכטן אויסזען פון די קינדער און געבעטן אונדז, מיר זאָלן אין זייער נאָמען פאַרזיכערן די קינדער, אַז קיין שלעכטס וועט זיי שוין נישט געשען!

דער סאָוויעטישער טאַנקיסט האָט די קינדער גאָרנישט צוגעזאָגט, נאָר געלאָפן מיט זיין טאַנק ביז בערלין און אויפן וועג באַפרייט צענדליקער טויזנטער יידן פון די טויט־לאַגערן.

(„פאָלקס־שטימע", ווארשע, 9.9.1988, „אזא איז געווען דער אָנהייב")



כנס ארצי של יהודי לובלין בוורוצלב, ב־1946.

# דאָס פאַריתומטע י.ל. פּרץ־הויז אין לובלין

## אבע סלאָמאַ / טאָראָנטאָ

ליייענדיק דעם ,קול לובלין׳, ווו פון צײַט צו צײַט ווערן דערמאָנט אינסטיטוציעס, וואָס לובלינער ייִדן האָבן אויפגעבויט, ווי דאָס ייִדישע שפּיטאָל, בתי מדרשים, די ישיבת חכמי לובלין און אנדערע, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק צו דערמאָנען אויך דאָס פאָלקס־הויז אויפן נאָמען פון י.ל. פּרץ.

נישט האָבנדיק קיין שום מאַטעריאַל, באַזיר איך מײַן דערמאָנונג בלויז אויפן זכרון. ס׳איז שוין איבער 50 יאָר, זינט מען האָט אויפגעבויט דאָס פּרעכטיקע הויז אויפן נאָמען פון י.ל. פּרץ. וויפל מי און ענערגיע האָבן לובלינער ייִדישע פאָלקס־מענטשן און אַרבעטער אַוועקגעגעבן, אז דאָס הויז זאָל ווערן אויפגעבויט! און געזאָלט ווערן די קרוין־אינסטיטוציע פון די וועלטלעכע ייִדן אין לובלין.

דאָס י.ל. פּרץ הויז האָט פאַרמאָגט געגוג צימערן פאַר א זיבן־קלאַסיקער פאָלקסשול, מיט אַלץ וואָס אַ מאָדערנע שול דאַרף האָבן: אַ טאָג־היים פאַר אַרבעטנדיקע מאַמעס, אַ טעאַטער־אוידיטאָריע און אַ ספּאָרט־זאַל פאַר גימנאַסטיק. דאָרט איז אויך געווען די מעדעם־ביבליאָטעק, דער בלאָז־אָרקעסטער און דער כאָר בײַ דער קולטור־ליגע, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זײַנע אַרטיסטישע ארויסטריטן אין שטאָט. די היטלערישע מערדער, וואָס האָבן אַזוי גרויזאַם אויסגעמאָרדעט די לובלינער ייִדן, האָבן אויך פאַרניכטעט זייערע פּרעכטיקע קולטור־אינסטיטוציעס.

איך וויל בײַ דער געלעגנהייט דערמאָנען די חברים פון בוי־קאָמיטעט פון י.ל. פּרץ־הויז, אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע טוער אין לובלין: בעלאַ שאַפּיראָ מיט איר מאַן יעקב ניסענבוים, ד״ר שלמה הערשענהאָרן, אַדוואָקאַט אהרון באַך, דער ציש״אָ־לערער קראָסמאַן, בעריש קרעמפּעל און דר. פלאָטקין. זאָלן מײַנע ווערטער זײַן אַ דערמאָנונג אין אָנדענק פון דער שיינער ייִדישער אינסטיטוציע און אירע איבערגעגעבענע געזעלשאַפטלעכע טוערס.

דאָס פאָלס־הויז אויפן נאָמען פון אונדזער אומשטערבלעכן י.ל. פּרץ איז נישט צעשטערט געוואָרן און געפינט זיך ווי פריער אין לובלין, אויף דער טשוואַרטעק־גאַס נומ׳ 4, נישט ווייט פון דער ישיבת חכמי לובלין. ביידע געביידעס האָבן געזאָלט זײַן באַזונדערע צענטערס צו פאַרשפּרייטן ייִדישע לערע און וויסן. איצט שטייען זיי ביידע פאַריתומט, אין אַ לובלין אָן ייִדן. איך בין נישט זיכער, צי אויף דער וואַנט פון י.ל. פּרץ־הויז איז פאַראַן אַן אָנדענק־טאָוול, וואָס דערציילט וועגן דער אינסטיטוציע און אירע בויער.*

איך האָף, אַז מײַן דערמאָנונג וועגן י.ל. פּרץ־הויז וועט זײַן אַן אָנרעגונג פאַר לעבן־געבליבענע לובלינער ייִדן צו שרײַבן וועגן אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס, זייערע בויערס און טוערס.

* **באמערקונג פון רעדאקציע:** אין נאָוועמבער 1987, אין די ראמען פון די פייערונגען אָפּצומערקן 45 יאָר ליקווידאציע פון געטאָ אין לובלין, זענען אנטהילט געוואָרן שילדלעך מיט געהעריקע אויפשריפטן אויף די בניינים פון די געוו. יידישע אינסטיטוציעס.

תיקון טעות: אין פאָריקן נומער „קול לובלין" זענען על־פּי טעות פארביטן געוואָרן די אונטערשריפטן אונטער די צוויי בילדער. ריכטיק דארף זיין:



בעלא שאפירא, לאווניק פון לובלינער מאגיסטראט פון „בונד" און יאנקעלע ניסענבוים, רעדאקטאָר פון „לובלינער טאָגבלאט".



יידל גאָלדשטיין און פרוי ז"ל, אייגנטימער פון דרוקעריי „פראַצאַ".



א גרופע מיטגלידער פון יוגנט־בונד „צוקונפט" אין די דרייסיקער יאָרן.

# 60 יאָר לובלינער „הפועל"

יצחק רייכענשטיין

ווען נישט די שואה, וואָלט מען אין לובלין געפייערט היינטיקס יאָר דעם געבורט פונעם ארבעטער־ספּאָרט־קלוב „הפועל" מיט 60 יאָר צוריק.

אָנהייב 1928, האָבן זיך באוויזן אין לאָקאל פון דער פּארטיי „פועלי ציון" (צ.ס.) אויף פּאָטשאָנטקאָווסקי 22 (שפּעטער סטאשיצא) דריי בחורים: מלך פרעצעלמאן און די ברידער יונה און שאול ראָטרובין. זיי האָבן זיך פּאָרגעשטעלט, אז זיי שטאמען פון „זאמד", שפּילן און פירן אָן מיט א גרופּע פוטבאָליסטן א.נ. „נשר", נאָר זיי זענען נישט לעגאליזירט, שפּילן פוטבאָל מיט אנדערע, ענלעכע גרופּעס אויף די לאָנקעס און פארשידענע פּלעצער.

אין יענער צייט, האָבן אזעלכע נישט אָפיציעלע גרופּעס געהייסן „ווילדע". אָבער זיי באזיצן אן אינוועטאר, פוטבאָל־שיך און העמדלעך. זיי שטרעבן צו זיין אן אָפּיציעלע דרוזשינע, אויפטרעטן פריי און לעגאל. זיי ווייסן, אז ביי די פּארטייען עקזיסטירן ספּאָרט־קלובן — ווענדן זיי זיך, אז די פועלי־ציון פּארטיי זאָל אויסארבעטן א סטאטוט און זיי פארוואנדלען אין א לעגאליזירטער מאנשאפט.

איך בין דעמאָלט געווען סעקרעטאר פון דער יוגנט־אָרגאניזאציע „פרייהייט" און בין גלייך צוגעטראָטן צו דער „ארבעט". איך האָב זיך געווענדעט צו שמואל ניסענבוים (שלמה־ברוך ניסענבוימס א זון), א סטודענט, וואָס האָט זיך געקענט אויף יוריסטיק און ער האָט אויסגעארבעט א סטאטוט. אין יענער צייט האָבן די ספּאָרט־קלובן ביי דער פועלי־ציון פּארטיי אין צענטראלן מאסשטאב געהייסן „קראפט". היות מיר שאפן אן אייגענעם סטאטוט, האָב איך געהאלטן, אז מיר זאָלן אויסקלויבן אונדזערס א נאָמען. האָב איך גענומען דאָס ערשטע וואָרט פון „פועלי ציון" און אויך זיך דערוווּסט, אז אין ארץ־ישראל איז טעטיק „הפועל" — האָבן מיר א נאָמען געגעבן: יידישער ארבעטער ספּאָרט־קלוב „הפועל".

אזוי איז געבוירן געוואָרן אין לובלין דער ערשטער „הפועל"־קלוב אין פוילן.

די אָרגאניזאטאָרן האָבן געשטרעבט, אז דער לובלינער „הפועל" זאָל האָבן דעם זעלבן ציל וואָס דער ארץ־ישראלדיקער „הפועל" — דערציען די יידישע יוגנטלעכע צו פיזישער און גייסטיקער פארפולקאָמונג און נאציאָנאלן שטאָלץ. און דאָס איז דערגרייכט געוואָרן.

★

שטופנווייז האָט זיך דער קלוב אנטוויקלט און מיט דער צייט איז ער פארוואנדלט געוואָרן אין אן אָנגעזעענעם פאקטאָר אין ייִדיש־געזעלשאפטלעכן לעבן אין לובלין, ווי אויך באקומען אנערקענונג און פריינדשאפט צווישן די פוילישע ספּאַרט־געזעלשאפטן, ציווילע, ווי מיליטערישע. ס'זענען צוגעצויגן געוואָרן חברים, סימפּאטיקער און געזעלשאפטלעכע טוער.

אין אָנהייב האָט בלויז עקזיסטירט א פוטבאָל־מאנשאפט. ווען די שפּילערס זענען צום ערשטן מאַל ארויס פון לאָקאל צום ספּארט־פּלאץ אויף שפּיטאלנע צו א מעטש, איז עס גראָד געווען אין דער צייט, ווען די פּארטיי האַט געפירט די וואל־קאמפּאניע צום שטאָט־ראט, אונטער דער אָנפירונג פון חבר טיגער פון ווארשע. אויף זיין פארלאנג, האָבן די פוטבאָליסטן געהאט אויף די קאָסטיומען דעם סימן פון דער פּארטיי־רשימה.




די פארוואלטונג פון „הפועל" אין לובלין.


ייד. אַרבּ. ספּאָרט · קלוב
„הפּועל"
לובלין, קרולעווסקאַ 3

**איינלאַדונג.**

דערמיט האָבן מיר דעם כּבוד איינ־
צולאַדן די
ג' [illegible]
אויף דער
פּייערונג לכבוד דעם איבערגיין פון
אונזער פוטבאָל־דרוזשינע אין קל. „אַ"
וואָס קומט פאָר שבּת דעם 2־טן
דעצעמבער 1933 יאָר, 8 אָוונט אין
אייגענעם לאָקאַל קרולעווסקאַ 3, וו. 2

ספּאָרט־ראַט.

הזמנה לחגיגה למועדון ספורט „הפועל", לרגל עלייתו לליגה א' ב־1933.




**פוטבאָל־מעטש אין לובלין צווייִם „הפועל" וואַרשע און „הפועל" לובלין, 1933.**

די פּאָפּולערסטע איז געווען די פוטבאָל־סעקציע. מיר האָבן געהאַט גוטע שפּילערס, ווי: גאָלדמאַן (בוכטע), בן־ציון ערליכמאַן (בוציק), ווילניצקי, שטאָקמאַן אלי, יוסף צימרינג, וועלכע זענען שוין לײדער נישטאַ. און זײ צו לענגערע יאַרן — אדאָלף הערץ (איצט דאָקטער אין אמעריקע), צימרינג (רחובות), אברהם שטאַקמאַן (חדרה), ריקסמאַן ניניעק (חיפה), אָדער ב. שיצמאַן. די מעטשן פון „הפועל" זענען שטענדיק געווען באַזוכט פון א גרויסן פובליקום. די אינטערעסאַנטסטע תקופה אויפן געביט פון פוטבאָל איז געווען, ווען „הפועל" האָט געשפּילט אויף מייסטערשאַפט אין קלאַס „א". מיר זענען געווען די ערשטע יידישע מאַנשאַפט אויפן לובלינער שטח, וואָס איז אריבער אין „א"־קלאַס, זיך געהאַלטן דאָרט 2 יאָר און געוואָרן אראָפּגעשטויסן אין א נידעריקערן קלאַס דורך דעם פּוילישן א.ז.ס. אקאַדעמישן ספּאָרט־קלוב. אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אז נאָכן פאַרשפּילטן מעטש, האָבן די סטודענטן זיך געלאָזט ווילגיין איבער די יידישע שפּילער. און דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן דורכן פוטבאָל־פאַרבאַנד מיטן פאַרמאַכן זייער ספּאָרט־פּלאַץ אויף א געוויסע צייט.

ווען „הפועל" האָט געשפּילט אין אנדערע שטעט, איז געווען אַן אויפלעבונג צווישן דער יידישער יוגנט. ווען מיר האָבן געשפּילט אין שעדלעץ מיטן אָרטיקן „טור" וועגן איבערגיין אין קלאַס „א", האָבן אין אָוונט זיך פאַרזאַמלט מאַסן אָנהענגער ביי דער רעדאַקציע „לובלינער טאָגבלאַט", כדי געוואויר צו ווערן דעם רעזולטאַט (2:2).

☆

עס דערמאָנט זיך אויך א טרויעריקער עפּיזאָד: נאָך א געוווּנענעם מעטש מיטן פּוילישן „לעוואַרט" אין לובאַרטאַוו, ווי נאָר די שפּילער זענען אריין אין אויטאָבוס אויפן וועג צוריק קיין לובלין — זענען זיי באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער.

ווען „הפועל" איז אריבער אין קלאַס „א", איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין לאָקאַל אויף קרולעווסקא א פייערלעכער באַנקעט, צו וועלכן ס'זענען געקומען פאָרשטייער פון די אנדערע יידישע ספּאָרט־קלובן, ווי אויך נישט־יידישע געסט: מאָניאַק, סעקרעטאַר פון לובלינער פוטבאָל־פאַרבאַנד: מאָסקאַל באַקאַנטער שפּילער פון וו.ק.ס., לעוואַנדאָווסקי, ספּאָרט־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „זיעמיא לובעלסקאַ" און אנדערע.

חוץ דער פוטבאָל־מאַנשאַפט, האָט גרויסע דערגרייכונגען געהאַט די פּינג־ פּאָנג־סעקציע. די מאַנשאַפט, בראש מיט בעניעק ראָכמאַן ז"ל, האָט געוווּנען דעם בעכער, געשאַנקען פון דער וו.ק.ס. „אוניא". א צווייטער, פּאָפּולערער שפּילער פון פּינג־פּאָנג איז געווען יוסף גאָלדשפעלד (אין ישראל), וועלכער האַט ביי דער אינערלעכער מייסטערשאַפט באַקומען אַן אויסצייכענונג.

איך וויל אויך דערמאָנען די פרויען־סעקציע, וועלכע האָט סיסטעמאַטיש זיך געיִבט אין „דאָם זשאָלניעזשא" און ארומגענומען צענדליקער בחורות (פעלא הערצמאַן, רעגינא פייעראייזן, רעגינא צוקערמאַן, נעשע צימרינג און אנדערע, וואָס כ'געדענק נישט זייערע נעמען און זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון כמעט אלע לובלינער יידן. איך וויל אויך דערמאָנען די, וועלכע זענען צו אונדזער פרייד, נאָך דאָ מיט אונדז: אנדזשע בעס (הורוויץ), רות צוקערפיין (הוד), האַנקע באַס, זאָשע אקערמאַן, שיינדל שרת־ערליכער.

צום 10־יאָריקן יובל זענען פאָרגעקומען פאַרשידענע אימפּרעזן: לייכט־אַטלעטיק, פּינג־פּאָנג, א וועט־לויף אין דער יידישער געגנט. אין „לובלינער טאָגבלאַט" איז דערשינען אַן אַרטיקל וועגן 10 יאָר „הפועל".

ס'האָט אויך עקזיסטירט א ראָווערן־סעקציע, צו וועלכער עס זענען געקומען צו גאַסט מאָטאָציקליסטן פון ארץ־ישראל און פון וואַרשע און געווײלט אין לובלין 2 טעג. ס'זענען אויך געקומען אויף באַזוך אָנפירנדע פערזענלעכקייטן פון דער צענטראַלע: ברוך באַג, דב־בער זילבערמאַן.

אין דער תקופה פון שאַרפן אנטיסעמיטיזם אויף די ספּאָרט־פּלעצער, איז אויף מיין איניציאַטיוו געשאַפן געוואַרן א פאַרשטענדיקונג־קאָמיסיע פון אלע יידישע קלובן, אָבער אָן אריכת ימים, צוליב דעם אנטאַגאָנים צווישן זיך.

יעדעס יאָר פלעגט דער פּוילישער פוטבאָל־פאַרבאַנד אין וואַרשע צוטיילן אויסצייכענונגען פאַר שפּילער און ספּאָרט־טוער. אזא אויסצייכענונג („אָרדזנאַקאַ זאַסלוזשאָניך") האָט צווישן די לובלינער אויך באַקומען דער שרייבער פון די שורות.

צווישן דער מיטגלידערשאַפט האָבן זיך געשאַפן פּאָרלעך, וואָס היינט זענען זיי שוין זיידע־באָבע. ס'איז אויך געפירט געוואָרן געוואָרן א טעטיקייט אויפן קולטור־געביט, ווי: פרייטיק־צו־נאַכטס אָוונטן מיט א פּרעסע־איבערזיכט, ספּאָרט־נייעס, מוזיק, ווי אויך א „לעבעדיקע פּורים־צייטונג" מיט אַקטועלער סאַטירע.

געווען אויך אַן אַקטיוו איבערגעגעבענע חברים: יעקב האָראָוויץ (ווייסבראָט), אברהם ראָזענבוים, שטייגל, מאָניעק רובינשטיין, מאַניעק לעווינשטיין, יוסף שענקמאַן, (אין ישראל),



**די גרינדערס און ערשטע שפּילערס פון לובלינער „הפועל".**

גדליה פישמאן (לאס־אנזשעלעס), וועלכער האָט אין וועטלויף פארנומען דאָס צווייטע אָרט.

*

כ׳וויל דערמאָנען א ספעציעלן טיפּ פון א געטרייען חבר, ממש א פאנאטיקער — דער קאסירער איטשע קערשנבלאט (געארבעט ביי יחיאל שטולמאן אויף צירולניטשע). ווען ס׳איז געווען א מעטש פון „הפועל", האָט קערשנבלאט אליין זיך אוועקגעשטעלט ביים ארייַנגאנגס־טויער אלס אָרדנער און נישט ארייַנגעלאָזט אָן בילעטן, אפילו די פארוואלטונג־מיטגלידער. דער זעלבער חבר פלעגט פאר א מעטש פון „הפועל" זיך געוועטן מיט די שפּילער, אז „הפועל" וועט דעם מעטש פארשפּילן. ער איז גרייט געווען צו פארשפּילן זיין געלט, אבי ארייַנברענגען די שפּילער אין אמביציע...

ביים אויסברוך פון דער מלחמה, האָט דער לאָקאל זיך געפונען אויף לובארטאָווסקא 22, אָנגעפירט פון שלמה אייבעשיץ. ווען אין דרויסן האָבן זיך שוין ארומגעדרייט היטלעריסטישע סאָלדאטן, האָבן נאָך די חברים „ארייַנגעכאַפּט" א דאָמינאָ אָדער א פּינג־פּאָנג.

די מיטגלידער פון הכשרה־פּונקט פון „השומר הצעיר" אין קראסוצקיס פאבריק אויף קראַוויעצקא, האָבן זייערע בעטלעך ארייַנגעשטעלט אין לאָקאל פון „הפועל". יוגנטלעכע, וואָס האָבן אדורכגעוואנדערט לובלין, האָבן זיך דאָרט ארייַנגעכאַפּט א נאכט.

דעם לעצטן גרוס פון „הפועל" האָב איך אָפּגענומען, ווען מען האָט מיך אריבערגעפירט פון לוצק (דאן ראטן פארבאנד) קיין סיביר. איך האָב דערהאלטן א בריוו פון שמשון ניסענבוים, וועלכער האָט זיך געוווּנדערט, פון וואנען קום איך קיין סיביר. ער האָט געשריבן, אז די חברים האָבן צוליב פאניק פארברענט די פענער און פאָטאָגראפיעס. בלויז מיר איז געבליבן א זייגערל, וואָס כ׳האָב באקומען צום 10־יאָריקן יובל און איינציקע פאָטאָגראפיעס, וואָס כ׳האָב מיטגענומען קיין סיביר און זיי אויסבאהאלטן פאר א סאָוויעטיש אויג.

אזוי האָט זיך פארענדיקט די רומפולע טעטיקייט פונעם ערשטן „הפועל" אין פוילן, דער לובלינער „הפועל", וועלכער וואָלט היינטיקס יאָר געווען א בן־60.

די ברוינע בעסטיע אין מענטשלעכן געשטאלט, האָט אלץ און אלעמען פארניכטעט. געבליבן זענען בלויז זכרונות. טאָ זאָלן די פארצייכנטע שורות זיין מין אזכרה פאר מיינע ליבע, טייערע חברים — און פאר די לעבן געבליבענע א רוף. נישט פארגעסן!



**תנאים שרייבן אין א לובלינער יידישער היים, פאר דער מלחמה.**
**(דאָס בילד האָט צוגעשטעלט שרה [שפרינצאלע] בראנדעס).**

# א נייע, עפעקטיווע פאָרם

# פון פאראייביקונג

**דוד שטאָקפיש**

מיט דער ברייטער אָנווענדונג פון ווידעאָ־קאסעטן אין דער איצטיקער תקופה, איז א יושר אויסצונוצן די דאָזיקע וויכטיקע, טעכנאָלאָגישע דערגרייכונג און פאראייביקן אונדזער יידישע לובלין אויף אזא אופן, אז יעדער בן־עיר, ווי אויך זיינע קינדער און אייניקלעך, זאָלן האָבן ביי זיך אין שטוב אזא קאסעטע מיטן פילם וועגן דעם יידישן ישוב אין דער עיר ואם בישראל.

דער פלאן לאָזט זיך רעאליזירן אויף אזא אופן: פאראן א פילם פון דער פוילישער טעלעוויזיע, אין וועלכן מיר זעען דעם ד"ר בינעם ווייס מיט זיין פרוי, וואָס מיט דער הילף פון א שפאציר איבער די געוועזענע יידישע גאסן און קווארטאלן פון לובלין, אויפן פאָן פון די פארמלחמדיקע בילדער מיט די יידישע הייזער, געשעפטן, שילדן – דערציילט אונדזער חשובער בן־עיר די געשיכטע פון דער יידן־שטאָט, איר אנטוויקלונג און טראגישער אומקום.

מיט א 15 יאָר צוריק, האָט דער קאָמיטעט פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל צוגעגרייט א 160 ליכט־בילדער („סליידס"), גענומען פון פאָטאָגראפיעס פונעם געזעלשאפלעכן, פאָליטישן, קולטורעלן און רעליגיעזן לעבן פון דער יידישער לובלין.

די צוויי פילמירטע אוצרות וועלן דינען ווי א באזע פאר דער געשיכטע פון לובלין און צוזאמען מיט נאָך געשריבענע און פאָטאָגראפישע בילדער, דאָקומענטן און אנדערע מאטעריאלן, וועט זיך באקומען א טרייע אָפּשפיגלונג פון אונדזער אלטער היים.

דער צווייטער טייל פון פלאנירטן ווידעאָ־פילם דארף



**אונדזער קאָמיטעט־מיטגליד משה וואסאָנג מיט זיין פרוי, אינעם „אָנדענק־צימער" אין לובלין אויף לובארטאָווסקע 10, אין חודש יוני 1988.**

פאַרשטעלן דעם **אומקום** פון דער שטאָט, אויסצוגן פון דער חורבן־ליטעראטור, בילדער, דאָקומענטן, פלאקאטן וועגן אנטי־יידישע גזירות, וואָס אלץ צוזאמען וועט שילדערן די טראגיש־העראָישע טעג פון יידישן אומקום און גבורה.

דער דריטער טײַל וועט דערציילן וועגן די טעטיקייטן פון אלע לאנדסמאנדאפטן־אָרגאניזאציעס אין דער וועלט; די אויפגעשטעלטע דענקמעלער לזכר אונדזערע קדושים אין לובלין, תל־אביב, ניו־יאָרק, טאָראָנטאָ, מאָנטרעאל, פאריז; די דערשינענע יזכור־ביכער; זכרונות פון לאנדסלייט; די געזעלשאפטלעכע, סאָציאלע און קולטורעלע טעטיקייט פון די סאָסייטיס און יחידים.

די דריי טיילן פון דעם ווידעאָ־פילם, אריינגעפאסט אין איינער אָדער צוויי קאסעטעס, וועלן זיך דארפן געפינען אין **יעדער** לובלינער יידישער היים, אויך ביים צווייטן און דריטן דור.

מיר זענען צוגעטרעטן צו שרייבן דעם סצענאריאָ. אונדזער בן־עיר מאָטל טרייסטמאן פון מעלבורן האָט זיך פארפליכטעט (פרייוויליק) צונויפשטעלן און פארבונדן פראגמענטן און בילדער פון די שוין פאראנענע פילמען און פון אנדערע מקורות. דערנאָך וועט מען זיך צונויפריידן מיט א פראָדוציר־געזעלשאפט און מיר האָפן, במשך א יאָר, אויסצופארטיקן א פילם מיטן נאָמען „לובלין – ירושלים ד'פולין", וואָס וועט אויך דארפן אנטשפרעכן דעם דאָזיקן נאָמען.

די רעאליזירונג פון דעם פראָיעקט איז אויך אָפּהענגיק דערפון, אויב אלע אונדזערע לאנדסמאנשאפטן־אָרגאניזאציעס און יחידים וועלן **פון פאָרויס** באשטעלן א צאָל קאסעטעס, לויט דעם פרייז, וועלכן דער קאָמיטעט וועט באשטימען, כדי צו דערמעגלעכן וואָס פריער אויסצוענדיקן דעם פילם און באפרידיקן אלע באשטעלונגען.

מיר, די שארית הפליטה פונעם לובלינער יידנטום, האָבן נאָך דעם חורבן נישט פארגעסן אונדזערע קדושים און די אלטע היים. סיי אין מדינת ישראל, ווי אין די תפוצות, האָבן מיר אלץ געטאָן, כדי צו פאראייביקן די שטאָט מיט אירע יידן דורך מאָנומענטן, יזכור־ביכער, מעמוארן, פונדאציעס און פאָנדן. דאָס אלץ זענען געווען זייער וויכטיקע, נאָר **סטאטישע** פאראייביקונגען. דאקעגן א ווידעאָ־פילם וועגן דער יידישער לובלין, איז א **באוועגלעכער אָנדענק**, וועלכער קאָן (און דארף!) זיך געפינען אין יעדער לובלינער יידישער היים.

# פּאָלעמיק • מיינונגען • בריוו • באריכטן

## עפנטלעכער בריוו־אויסטויש צווישן דעם קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך – און דעם קאַמיטעט אין ישראל

### אָפענער בריוו צום אירגון יוצאי לובלין בישראל

צו אונדזערע לאַנדסלייט אין די תפוצות – טייערע פריינט!

מיטוואָך, דעם 9טן נאָוועמבער 1988, אין 46טן יאָרטאָג פון ליקווידירן דאָס געטאָ אויפן מיידאַן טאַטאַרסקי, וועט אין לובלין געפייערט ווערן דער אַקט פון לייגן דעם גרונטשטיין צו רעסטאַווירן דעם בית־עולם, מיטן אַנטייל פון פאָרפּאָלק פרענקעל, פאָרשטייער פון דער מאַכט – און לאָמיר האָפן – אויך וואָס מער באַטייליקטע לאַנדסלייט אונדזערע פון ישראל און די תפוצות.

דאָס פאָרפאָלק שרה און מאַנפרעד פרענקעל, האָבן אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו אַרומצוצוימען דעם גאַנצן פריערדיקן שטח פון א. ג. נייעם בית הקברות אין לובלין – שרייבט זיך ווייטער אין דעם בריוו, און נאָך די אינטערווענצן ביים לובלינער וואָיעוואָדע, שטאָט־פּרעזידענט, הויכע באַאַמטע פון מיניסטעריום, איז באַשלאָסן געוואָרן דוסט לייגן דעם גרונטשטיין פון דער פאַרצוימונג.

דער בריוו ענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקע ווערטער: מיר גלויבן, אַז לובלינער יידן וועלן גינסטיק אויפנעמען די איניציאַטיוו (פון דער אינוועסטיציע אויפן לובלינער בית עולם) פון שרה און מאַנפרעד פרענקעל פון אַנטווערפּן, צו באַטייליקן זיך אינדיווידועל, צי מיט א גרופּע אין דערמאָנטן אַקט פון 9טן נאָוועמבער 1988.

און דאָ ווילן מיר פרעגן דעם קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל: צי האַלט איר טאַקע פאַר וויכטיק און נויטווענדיק צו אינוועסטירן יידישע געלטער אין היינטיקן פוילן, און דווקא אין לובלין, ווו עס האָבן געוווינט 45 טויזנט יידן און ווו עס וווינען היינט א פּאָר צענדליק יידן? האָבן דען נישט די פוילישע איינוווינער פון לובלין זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט, ווי יידן ווערן פאַרגאַזט און פאַרברענט אין מיידאַנעק, א פּאָר הונדערט מעטער פון צענטער פון שטאָט?

און פון וואַנען די זיכערקייט, אַז די וועלכע וועלן „באַערן" דאָס לייגן דעם גרונטשטיין, האָבן נישט אויף זיך די חטאים פון העלפן אומברענגען די לובלינער יידן?

און ווער וועט אין דער צוקונפט אָפּהיטן די פאַרצוימונג, אויב זי וועט געשאַפן ווערן, אַז קיין יידן אין לובלין זענען נישטאָ?

און פאַר וואָס פאַרשווערכן די דאַטע פון 9טן נאָוועמבער, דעם הייליקן טאָג פאַר אַלע לובלינער, ווען עס'איז ענדגילטיק ליקווידירט געוואָרן דאָס געטאָ אויף מאַידאַן טאַטאַרסקי? אין דעם טאָג דאַרפן מיר זיין געאייניקט אין אונדזער טרויער און נישט הערן רעדעס פון אָפיציעלע פאָרשטייער פון פוילישע מאַכט־אָרגאַנען.

און צום סוף ווילן מיר פרעגן שרה און מאַנפרעד פרענקעל: אויב שוין יאָ אינוועסטירן, אויב שוין יאָ זיין ברייטהאַרציק מיט פאָנדן, פאַר וואָס נישט אינוועסטירן אין ישראל לזכר די אומגעקומענע יידן פון לובלין?

אויך דעם קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל ווילן מיר פרעגן: פאַר וואָס האָט איר נישט געפּרוווט איבערצייגן די מנדבים, אַז זיי זאָלן נישט רעאַליזירן זייער פּלאַן פון אינוועסטירן געלטער אין דעם חרוב געוואָרענעם, יידישן לובלין?

מיט וועלכע רעכט ווענדעט איר זיך צו אַלע לובלינער לאַנדסלייט, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין דער „פייערונג" – האָט איר אָנגעפרעגט די לובלינער לאַנדסלייט אין דער וועלט, צי זיי זענען מסכים מיט דער איניציאַטיוו פון פאָרפאָלק פרענקעל?

מיר האַלטן, אַז ס'איז נאָך צייט מבטל צו מאַכן די דאָזיקע איניציאַטיוו און מיר גלויבן, אַז לובלינער יידן וועלן זיך אויך אין דער „פייערונג" פון דעם 9־טן נאָוועמבער נישט באַטייליקן.

**דער קאָמיטעט פון די פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט**

**(„אונדזער וואָרט", פּאַריז, 17.9.88)**

★ ★ ★

# אונדזער ענטפער

צום קאָמיטעט פון די פאַראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט אין פראַנקרייך. טייערע חברים, פריינט און לאַנדסלייט.

מיט שטוינונג און פאַרדרוס האָב איך געלייענט אין דער פּאַריזער טאָג־צייטונג „אונדזער וואָרט" (פון 17.9.88) אייער אָפענעם בריוו צום אירגון יוצאי לובלין בישראל, מיט טענות און אָנפראַגן צום קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין דער יידישער מדינה, הלמאַי מיר האָבן פאַרגעלייגט אונדזערע בני־עיר אין דער וועלט, ווי אין ישראל, צו באַטייליקן זיך אינעם לייגן דעם גרונטשטיין צו רעסטאַווירן דעם בית הקברות אין לובלין, א דאַנק דער

איניציאַטיוו און פינאַנסירונג פון שרה און מאַנפרעד פרענקעל פון אַנטווערפּען.

איידער איך ענטפער אויף אייערע פראַגן און פאָרוואָרפן אין „אונדזער וואָרט" (הגם אייער בריוו איז נישט געשיקט געוואָרן דירעקט צו אונדז), זאָל מיר דערלויבט זיין צו שטעלן פריער די פּשוטע, עלעמענטאַרע פראַגע: **פאַר וואָס האָט איר דעם אָפענעם בריוו אין רעדאַקציע פון א פּאַריזער צייטונג ניט צוגעשיקט פריער צום לובלינער קאָמיטעט אין ישראל?** זייט איר, חלילה, מיט אונדז ברוגז, אָדער פירןביידע לאַנדסמאַנשאַפטן צווישן זיך וועלכע ס'איז מחלוקת? מיר האַלטן דאָך אָן די בעסטע חברישע באַציאונגען און דערפאַר, מיין איך, איז געווען אייער ערשטער חוב צו ווענדן זיך קודם כל צו אונדז נאָך אויפקלערונגען. אייער **ערשטער אַדרעס** האָט באַדאַרפט זיין דער קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל – און ניש די פּרעסע. איך שרייב פרעסע, ווייל איר האָט אויך געהאַט בדעה אָפּצודרוקן דעם דערמאָנטן בריוו אין „די לעצטע נייעס" און „יידישע צייטונג", וואָס דערשיינען אין ישראל.

און נאָך א פראַגע: אויב פאַרעפנטלעכן אייער פּראָטעסט אין די 3 דערמאָנטע צייטונגען, טאָ פאַר וואָס האָט איר פאַרגעסן, אַז מיר האָבן אַן אייגענעם אָרגאַן „קול לובלין", וואָס דערשיינט שוין אָן איבערייס עטלעכע צוואַנציק יאָר און אויף וועמענס שפּאַלטן עס ווערן אַרויסגעבּרענגט **אַלע** פּראָבלעמען פון אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אויך **דעם אַדרעס** האָט איך פאַרגעסן?

טייערע פריינט! מיר שיינט, אַז אויף די צוויי פראַגן פאָדערט זיך נישט בלויז אַן ענטפער, נאָר אויך – א פאַרענטפער.

און איצט – עטלעכע תשובות אויף אייערע שאלות אינעם אָפענעם בריוו.

איך פרעגט: „צי האַלט איר טאַקע פאַר וויכטיק און נויטווענדיק צו אינוועסטירן יידישע געלטער אין היינטיקן פוילן און דווקא אין לובלין, וווּ עס האָבן געוווינט 45 טויזנט יידן און וווּ עס וווינען היינט א פּאָר צענדליק יידן?"

ענטפער: נישט מיר, ד.ה. דער קאָמיטעט פון די לובלינער אין ישראל, האָט אינוועסטירט פון זיינע געלטער אין היינטיקן לובלין.

איר פרעגט: „פון וואַנען די זיכערקייט, אַז די וואָס וועלן ,באַערן' דאָס לייגן דעם גרונטשטיין, האָבן נישט אויף זיך די חטאים פון העלפן אומברענגען די לובלינער יידן?"

ענטפער: ס'איז טאַקע נישטאָ די זיכערקייט, צי די פּאָלאַקן וואָס וועלן זיך באַטייליקן אינעם אַקט פון 9טן נאָוועמבער 1988, האָבן נישט אויף זיך דעם חטא פון העלפן אומברענגען אונדזערע יידן – און גוט וואָס איר פאַרלאַנגט נישט פון אונדז קיין אויספאָרשונג אין דעם ענין. איז דען די פראַגע רעלעוואַנטיש לגבי דער איניציאַטיוו פון פּאָרפּאָלק פרענקעל?

איר פרעגט: „און ווער וועט אין דער צוקונפט אָפּהיטן די פאַרצוימונג, אויב זי וועט געשאַפן ווערן, אַז קיין יידן אין לובלין זענען נישטאָ?"

ענטפער: ה' מאַנפרעד פרענקעל האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז די נייעסטע טעכנאָלאָגישע און עלקטראָנישע מיטלען, באַזאַמען מיט א שטענדיקן שומר, וועלן אָפּהיטן די גאַנצקייט פון די איינריכטונגען.

איר פרעגט: פאַר וואָס פאַרשווערכן די דאַטע פון 9טן נאָוועמבער, ווען ס'איז ענטגילטיק ליקווידירט געוואָרן דאָס געטאָ פון מיידאַן טאַטאַרסקי?

ענטפער: דער רענאָוואַציע־אַקט פון בית־עולם דעם 9טן נאָוועמבער 1988, וועט נישט זיין קיין פאַרשווערכטע דאַטע, נאָר א **בפירושע באַערונג און אָפּהיטונג פונעם אָנדענק פון די טויזנטער יידן, וועלכע מ'האָט קובר געווען אויפן בית־הקברות אויף דער אוניצקע גאַס – ביז דער שואה.** דאָרט געפינען זיך די קברים פון אייערע עלטערן, ווי פון מיין טאַטע־מאַמע. דער היטלעריסטישער וואַנדאַליזם האָט דערפירט דערצו, אַז א 70־80 פּראָצענט פונעם אַמאָליקן שטח פון בית־עלמין, איז היינט א פריי, אָפן פעלד, וווּ עס פּאַשען זיך קי, פערד, חזירים. נאָר א דאַנק דער איניציאַטיוו און פינאַנסירונג פון די פרענקעלס, וועט דאָס „גוטע אָרט", ווי מען רופט ביי יידן א בית הקברות – צוריק פאַרוואַנדלט ווערן אין א „הייליק אָרט," אַרומגעצוימט און באַוואָרנט, אַז דער מקום זאָל מער ניט פאַרשווערכט ווערן.

איר פרעגט: אויב שוין יאָ אינוועסטירן און זיין ברייטהאַרציק מיט פאָנדן, פאַר וואָס זאָלן שרה און מאַנפרעד פרענקעל נישט אינוועסטירן אין ישראל?

ענטפער: ווי מיר איז באַקאַנט, האָבן די פרענקעלס שוין אינוועסטירט אין ישראל הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן (בפירוש – הונדערטער טויזנטער, אויב נישט פיל מערער), נאָר ביי זיי איז דאָס לויטן אַלטן און גוטן יידישן מינהג פון מתן בסתר. זיי יאָגן זיך נישט נאָך רעקלאַמע, באַנקעטן, פּאַטאָגענישע האַנט־דרוקן מיט גדולים און ענלעכע „פּאַבליסיטי"־מאַניערן. (וועגן זייער ביישטייער צו דער מיידל־שול אין בני־ברק, האָב איך געשריבן אין „קול לובלין" מיט א יאָר צוריק).

איר פרעגט: פאַר וואָס האָבן מיר נישט פּרובירט איבערצייגן די פרענקעלס, זיי זאָלן נישט אינוועסטירן אין לובלין? מיט וועלכע רעכט האָבן מיר זיך געוואָנדן צו די לובלינער יידן, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין דעם אַקט פון 9טן נאָוועמבער? צי האָבן מיר אָנגעפרעגט אונדזערע בני־עיר אין דער וועלט, אויב זיי זענען מסכים מיט דער איניציאַטיוו פון די פרענקעלס?

ענטפער: פון וואַנען ווייסט איר, אַז מיר האָבן נישט פּרובירט איבערצייגן די פרענקעלס? אפשר יאָ? ווייל איידער מען רוקט אַרויס טענות, צי א באַשולדיקונג, איז א סך געזונטער פריער זיך צו אינפאָרמירן בנוגע דער פראַגע. מיר ווייסן, אַז די פרענקעלס אַרבעטן איבער דעם פּראָיעקט שוין עטלעכע יאָר. ווען מיר האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט מיט א קנאַפּע יאָר צוריק, זענען זיי שוין געווען טיף אַנגאַזשירט אין דער הייליקער אויפגאַבע מיט זייער א סך מי און... געלט.

ס'איז נישט קיין סוד, אַז דער קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל באַטראַכט זיך ווי דער **צענטער** פון אַלע אונדזערע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט. האָבן מיר זיך גענומען די רעכט צו ווענדן זיך וועגן אַנטייל אינעם אַקט פון 9טן נאָוועמבער. אונדזער בריוו־צירקולאַר אין דער פראַגע איז געשריבן געוואָרן ווי א ווענדונג, אַפּעל, פאָרשלאַג פאַר יעדן לובלינער ייד, וואָס זאָל

זיך פירן ווי ער פארשטייט, אָן וועלכן ס'איז פרווו פון איבערצייגן, אָדער אויפפאָדערן. אין די לעצטע 30 יאָר האָבן מיר פונאנדערגעשיקט אין דער וועלט צענדליקער בריוו און צירקולארן צו אונדזערע בני־עיר אומעטום־און ביז איצט איז נאָך קיינעמען נישט איינגעפאלן צו פרעגן „מיט וועלכע רעכט" מיר האָבן דאָס געטאָן.

מיינט איר ערנסט, ליבע פריינט, מיט דער שאלה, צי מיר האָבן אָנגעפרעגט די לאנדסלייט אין דער וועלט, צי זיי זענען מסכים מיט דער איניציאטיוו פון פאָרפאָלק פרענקעל. דעם אמת געזאָגט, איז אונדז נישט איינגעפאלן אדורכצופירן אזא „פלעביסציט" אין דער לובלינער וועלט. נאָר איך מיין, אז וואָלט עמעץ געקומען מיט אזא פאָרשלאג, וואָלטן מיר אים אָפּגעוואָרפן. סטייטש, אָנפרעגן ביי סתם יידן, אפילו בני־עיר, אויב אן אנדערער ייד וויל פון **זיינע פאָנדן** אינוועסטירן אין אן אלגעמיינעם פראָיעקט?

אייער אָפענער בריוו ענדיקט זיך מיט דער מיינונג, בטל צו מאכן די דאָזיקע איניציאטיוו און איך גלויבט, אז לובלינער יידן וועלן זיך נישט מטריח זיין קיין לובלין דעם 9טן נאָוועמבער 1988.

מילא, בטל מאכן די געבענטשטע איניציאטיוו פון שרה און מאנפרעד פרענקעל – איז א ברכה לבטלה. אלץ וועט פאָרקומען לויט דעם באצייטנס אויסגעארבעטן פראָגראם. דאקעגן דער אנטייל פון לובלינער יידן איז טאקע א מינימאלער – אָבער נישט צוליב די מאָטיוון, וועלכע איר ברענגט ארויס אין דעם בריוו אין רעדאקציע, נאָר דער עיקר – צוליב קלימאטישע, פינאנסיעלע, מעדיצינישע, קאלענדארישע און,פארשטייט זיך,אויך פסיכאָלאָגישע און נאציאָנאלע סיבות.

צום סוף: עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אז יעדער איינער פון אונדז טראָגט אין הארצן א חשבון מיט פוילן און מיט פוילישן פאָלק. נאָר ווי א בירגער פון מדינת ישראל, איז מיר אויך וויכטיק דער **מלוכהשער חשבון**, וואָס שייך באציאונגען מיט אנדערע לענדער. קוים עטלעכע יאָר נאָכן גרויסן חורבן האָט מדינת ישראל געוואגט אָנצוקניפּן דיפּלאָמאטישע באציאונגען מיט דייטשלאנד. היינט וואָלט ירושלים געווען גליקלעך, ווען אירע דיפּלאָמאטישע פאָרשטייער זאָלן זיין אקרעדיטירט אין די הויפּטשטעט פון אלע מדינות. אויב פוילן וויל זיך איצט חברן מיט דער יידישער מדינה און מיטן יידישן פאָלק (איך ווייס וואָס איר ווילט דאָ זאָגן: „זיי דארפן האָבן אונדזערע דאָלארן"), דארפן מיר זיין דערפון צופרידן, אומאָפּהענגיק פונעם אינדיווידועלן חשבון הנפש פון יעדן איינעם, אָבער דערביי טאָר מען נישט אויך פארגעסן די אינטערעסן פון מדינת ישראל.

האלעוויי, ליבע פריינט, וואָלט איך נישט באדארפט שרייבן דעם בריוו און פּאָלעמיזירן מיט אייך עפנטלעך. מיר וואָלט געווען א סך ליבער און סימפּאטישער, ווען מיר דיסקוטירן ארום דעם ענין ביי א גאסטפריינטלעכן טיש אין פאריז, ביי עמעצן פון אייך, אָדער אין אונדזער היים אין רמת־גן. נאָר אזוי ווי איר האָט ארויסגעבראכט דעם ענין פאר דער עפנטלעכקייט, בין איך אויך איך געצוווּנגען צו רעאגירן עפנטלעך.

איך שיק אייך אלע איבער די הארציקסטע גרוסן און ווינטש אייך כל־טוב.

מיט א סך פריינטשאפט –

**דוד שטאָקפיש**

**רמת־גן, 18.10.88**

# א פאָר קריטישע באמערקונגען

פאראן לענדער, וואָס שטאָלצירן מיט זייערע רייכע מוזעומס מיט די אויסגעפלאָ־סטערטע ווענט, קאַלומנעס, טרעפּ; די מיט זייערע היסטאָרישע געביידעס און פּאַלאצן פון מלוכה־לייט, באראָנען, פרינצן. פראנקרייך איז באוווסט מיט דעם ווערסאי־פאלאץ, מיט דעם אייפעל־טורעם; עסטרייך — מיט דעם פראטער צי מיט דעם קיניגלעכן פאלאץ שענברון; דער וואטיקאן אין רוים באצויבערט מיט די ווענט און סופיטן, געמאָלן דורך מיכאל אנדזשעלאָ, לעאַנארדאָ דאווינטשי, ראפאעל און אנדערע בארימטע קינסטלער. דער קרעמל, דאָס ווייסע הויז, דער רויטער פלאץ — אלץ פארשיכורט דיך מיט שיינקייט און פראכט...

און מיר ווייזן פאר אויסלענדישע טוריסטן דעם יד ושם און מרתף השואה מיט דעם נר־תמיד וואָס פלאקערט אויף דעם שטיינערנעם באָדן. א שוידערלעך בילד מיט די נעמען פון די טויט־לאגערן, אין וועלכע ס'זענען אויסגעמאָרדערט געוואָרן אין דער שואה הונדערטער יידישע קהילות מיט זייערע טייערע, קולטורעלע אוצרות.

און מיר פירן אדורך יערלעכע „אזכרות"... און ווי צו אונדז, אז מיר דארפן זאָגן, אז היי־יאָר איז געווען א„שיינע" אזכרה, דאָס יאָר איז די אזכרה געווען נישט קיין געלונגענע...

אויך אין אפריל 1988, האָב איך, ווי תמיד, אנטייל גענומען ביי דער מצבה פון לובלין, אין דער אזכרה אין יום השואה והגבורה, לזכר דעם אומקום פון די זעקס מיליאָן יידן דורך היטלערן און זיינע מיטהעלפערס, אויך פון אונדזער לובלין. מיטן אָנצינדן די זעקס פאקלען (וואַס עפּעס דאַס מאַל נאָר דריי?) און דווקא נאָר דורך אויסלענדישע געסט? האָט שוין דער קאָמיטעט נישט געפונען קיין אנדערע צו דעם אקט — אין טאָג פון 40 יאָר מדינת ישראל און 45 יאָר פון דעם העלדישן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ? דער שרייבער פון די שורות ווייסט פון א לובלינער, וואָס האָט געקעמפט קעגן די נאציס אין איטאליע, האַט 6 מיליטערישע אויסצייכענונגען, צווישן אנדערע — פארן אנטייל אין דער שלאכט ביי מאָנטע־קאָסינאַ.

א לובלינער פרוי, וואָס איז ניצול געוואַרן פון די נעגל פון דער געסטאפּאָ און אן אנדערע פרוי, וואָס האָט אין ווארשע געלעבט אין אונטערגרונט —ביידע מיט פאלשע דאַקומענטן און נעמען, וואָס האַט זיך מער געפאסט פאר דעם טרויעריקן כבוד. אמת, זיי זענען נישט קיין „אויסלענדישע געסט",


teatrnn.pl

אָבער האָבן נאָך היינט דערלעבט אויסצודריקן סימבאָליש דעם יום השואה.

איך מיין אויך, אז מיטן אָנצינדן די ליכט, אריינפירוואָרט פון מ. הארן און דער רעליגיעזער צערעמאָניע — דאַרף די אזכרה זיין געשלאָסן מיט דער „התקווה". אפילו די בעסטע, לאַנגע רעפעראַטן און פּאָעזיע זענען איבעריק, ווען מיר שטייען שטום ביי דער מצבה, מיט פארגליווערטע הערצער, פאַר דעם אש פון מאידאנעק — און ס'איז אויך שווער צו הערן. נישט דאָרט איז דאָס אָרט, נישט אין טאָג פון אומקום פון פארשניטענע יידישע קהילות (אויך פון לובלין) איז נייטיק אזא „קאָסמעטיק"...

איך מיין, אז מיר זענען דער איינציקער אירגון, וואָס אויסער 2 יזכור־ביכער (יידיש און העברעיש), מיט דעם יערלעכן זשורנאל „קול לובלין", וואָס דאַרף אויסשליסלעך באהאנדלען נאָר זכרונות פון לובלין און ארטיקלען איבער דער שואה, ווי אויך איבערלעבונגען אין לאַנד און אויסלאַנד פון אונדזערע בני עיר — אָבער נישט איבערצוטרייבן, אויב זיי זענען צו פיל פערזענלעכע. אזא מאטעריאל איז איבעריק און פּאַסט נישט צום יזכור־זשורנאל „קול לובלין". און ס'איז שלעכט, אויב מיר דאַרפן זאָרגן וועגן מאטעריאל פאַר „קול לובלין", קוים וועט, חס־וחלילה, אויספעלן! עס איז פאַראַן אַ גרויסע ליטעראַטור וועגן דער שואה (קאַריע מאַלאַכאָווסקי, קאצענעלסאָן און אנדערע), וואָס מיר קאָנען דרוקן; מ'קאָן אויסנוצן און דערמאָנען ארטיקלען פון די ביכער „לובלין", וואָס א סך האָבן שוין פארגעסן און זיי זענען תמיד אקטועל. מען קאָן דרוקן די ארטיקלען וועגן לובלין און די שואה פון די סטיפּענדיסטן.

אויך דער פּראָצעס פון אייכמאנען איז נישט פאַר אַלע באַקאַנט, און אפילו ווען יאָ, איז דאָס אויך כדאי צו דערמאָנען...

איר זעט, ס'איז דאָ גענוג יסורים־מאטעריאל פאַר דעם זשורנאל „קול לובלין"!...

**בן רשקה**

# וואָכנדיקס אויף יום־טוב...

ווען מ'האָט דאָס יאָר 1988 (תשמ"ח) פּראָקלאַמירט אלס יאָר פון 40 סטן יובל פון מדינת ישראל, האָט אונדזער קאָמיטעט באַשלאָסן ארויסצוגעבן (און מיט רעכט!) א ספּעציעלן נומער „קול לובלין", געווידמעט 40 יאָר מדינת ישראל און 45 יאָר פון דער ליקווידאַציע פון אונדזער אלטער היים — לובלין. ענדלעך האָב איך זיך דערוואָרט אויף דער מסיבה אין יום העצמאות און באַקומען דעם יום־טובדיקן נומער.

ווען איך האָב גענומען בלעטערן דעם נומער „קול לובלין", איז אויפגעקומען די פראַגע: איז דאָס טאַקע דער ספּעציעלער יום־טוב נומער לכבוד 40 יאָר מדינת ישראל? לאָמיר זען, וואָס איז דאָרט דאָ און וואָס ס'איז נישטאָ לכבוד 40 יאָר.

דער נומער אנטהאַלט 48 זייטן. כ'האָב קוים אָפּגעציילט גאַנצע 7 זייטן מיט 4 (פיר) ארטיקלען געווידמעט די 40 יאָר (ד"ר א. האַראָוויץ, יוסף פּאַפּיערניקאָוו, א. איינשטיין און י. רייכענשטיין). דער נומער עפנט זיך נישט מיט דער בלוי־ווייסער פאָן און נישט מיטן עמבלעם פון דער מדינה, אפילו נישט מיטן עמבלעם לכבוד די 40 יאָר. די ארטיקלען זענען נישט קאָנצענטרירט אין איין אָפּטיילונג, נאָר אריינגעשטופּט צווישן וואָכעדיקע ארטיקלען. און אויב מ'האָט שוין אָפּגעדרוקט פּאַפּיערניקאָווס „גוט יום־טוב", פאַר וואָס נישט אויף דער ערשטער זייט?

איר האָט נישט דאָרט קיין שום פאָטאָגראַפיע, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען בילדלעך פון די 40 יאָר, אפילו נישט קיין בילד פון צה"ל. דאַקעגן געפינט איר דאָרט א גרויסע פאָטאָגראַפיע מיט די גענויע, באַקאַנטע נעמען פון די געסט, וואָס זענען געקומען צו דער בר־מצווה־פייערונג ביי א לובלינער חשובן זיידע (איך וויל נישט, חלילה, פארמינערן די חשיבות פונעם זיידן — דעם בר־מצווה בחור זעט מען נישט). דאָס בילד האָט מען דאָך געקאָנט געבן אינעם נאָרמאַלן נומער פון נאָוועמבער און פאַרן זעלבן געלט און אויפן זעלבן פּלאַץ, האָט מען דאָך געקאָנט אָפּדרוקן א בילד, וואָס זאָל אונדז דערמאָנען 40 יאָר מדינה. לאָמיר זאָגן, דאָס היסטאָרישע בילד פון ה' באייר — יום הכרזת המדינה. און אפילו אלע אנדערע בילדער וואָס אילוסטרירן דאָס נחת פון לובלינער — געבן אין נאָוועמבער־נומער.

און צי האָבן די לובלינער גבירים (רעפּאָרטאַזש פון מיין ליבן פריינד יוסף אכטמאַן) נישט געקאָנט צוווארטן ביזן יערלעכן, נאָרמאַלן נומער, ווי אויך די מלחמה־זכרונות פון אונדזער אלעמענס באַליבטן פריינד משה קאָרן — ער וואָלט זיכער נישט געווען אין כעס.

מיר האָבן אין דעם יום־טובדיקן נומער א פּאָר זייטן לזכר הנפטרים. ווען איך בין צוגעקומען צו דער אָפּטיילונג, האָב איך געמיינט, אז כ'וועל דאָ געפינען לזכר די חיילים פון לובלינער משפחות, וואָס זענען געפאַלן פאַרן קיום פון 40 יאָר מדינה.

ס קאָן זיין, אז ווען די רעדאַקציע־קאָלעגיע וואָלט גענומען אין אכט די אלע פאַרוואָסן וואָס איך פרעג — וואָלט דער נומער נישט געהאַט קיין 48 זייטן, דערפאַר וואָלט ער געווען א ספּעציעלער יום־טוב נומער און איך וואָלט נישט געדאַרפט אויסבאָרגן דאָס קאַפּל פון יצחק לודען אין די פרייטיקדיקע „לעצטע נייעס" — „וואָכנדיקס אויף שבת" און פאַראַפראַזירט „וואָכנדיקס אויף יום־טוב"... איך קום צו דער מסקנה, אז מיטן כומרשטן ספּעציעלן יום־טוב־נומער „קול לובלין", האָבן די קאָלעגן פון רעדאַקציע־קאָלעגיום גרינג געשעצט די אינטעליגענץ פון דעם לובלינער לייענער־עולם.

און איצט לאָמיר כאַפּן א בליק, ווי ס'זעט אויס דער טייל פונעם „ספּעציעלן" נומער, געווידמעט 45 יאָר ליקווידאַציע פונם יידישן לובלין. אויך דאָ האָט איר גאָרנישט, וואָס זאָל בילדלעך אילוסטרירן אונדזער אלטע היים, פון אמאָליקן יידישן ישוב, אפילו נישט פון חורבן. די פאָטאָגראַפיע אויף א שיינער אלעע אין געוו. געטאָ, מיט פאָרשטייער פון די לובלינער שטאָט־טאַטעס, מיין איך, האָט דעם ציל צו פאַראייביקן די היינטיקע מושלים אין לובלין, וואָס האָבן זיך דערמאָנט אין די טויטע יידן. ס'איז אויך דאָ א פאָטאָגראַפיע פון א גרויסן עולם, און לויט דער אויפשריפט אונטער דער פאָטאָגראַפיע שטויסט מען זיך אָן, אז ס'איז ביים דענקמאָל לזכר די אומגעקומענע, אָבער דעם דענקמאָל זעט מען נישט, נאָר די מענטשן...

מיר געפינען אין דעם טייל, אויף 6 זייטן, א באַריכט פון די פייערונגען. וויל איך פרעגן: מיר האָבן געהאַט ביי דער פייערונג 3 שליחים, לובלינער פון ישראל; האָט קיין

איינער פון זיי נישט באוויליקט אָנצושרייבן דעם באריכט, נאָר מ'האָט געמוזט אָנקומען צום חסד פון דער ווארשעווער „פאָלקסשטימע" (ווען וועט שוין די „פאָלקסשטימע" אויפהערן צו זיין דער „באשפייזער" פון „קול לובלין"?). דער דאָזיקער באריכט איז באגלייט מיט דאנק-אויסדרוקן פונעם רעדאקטאָר אונדזערן, פאַרן פריינד פון דער ווארשעווער צייטונג און ס'ווערט אונטערגעשטראָכן די אָביעקטיווקייט פונעם באריכט (ווי דען אנדערש...)

צום סוף פונעם באריכט קומט א באמערקונג, אז די גאנצע פייערונג איז געפירט געוואָרן אין דער פוילישער שפראך. ווייס איך נישט, צי די באמערקונג פונעם פריינד איז געמאכט געוואָרן צוליב פאטריאָטישער גאווה, מיר אָבער האָט דאָס געגעבן א טיאַכקע אין הארצן. זענען דאָך די אומגעקומענע קדושים דערצויגן געוואָרן און געלעבט אין דער יידישער שפראך און זי איז דאָך געווען געווידמעט די פייערונגען.

ס'ווערט דערמאָנט אינעם באריכט, אז ס'איז אויך אנטהילט געוואָרן דער אָנדענק-טאָוול פון יתומים-הויז (אכראַנע) אויף גראָדזקע 11. דער לאנדסמאנשאפטס-קאָמיטעט אין לובלין אונטער מיין אָנפירונג, האָט דורכגעפירט אן עקסהומאציע פון ביינער און צווישן זיי — אויך ביינער פון קינדער פון דער אכראַנקע. איך האָב צום ספעציעלן נומער צוגעשיקט פאָטאָגראפיעס פון דער עקסהומאציע, אָבער די פאָטאָגראפיעס האָבן נישט געזען די ליכטיקע שיין אין דעם ספעציעלן נומער. זענען דאָך די ספעציעלע בילדער צוגעפאסט צו דער פייערונג ביים יתומים-הויז, ווי בכלל פון אומקום פון די לובלינער קדושים.

צום סוף ווילט זיך פרעגן: ווער, און אפילו פריינד ד"ר ווייס, קאָן אונדז גאראנטירן, ווי לאנג ס'וועלן האָבן א קיום די אלע טאָוולען און שילדלעך, אין וועלכע מ'האָט אריינגעלייגט אזוי פיל ענערגיע און יידיש געלט? איך מיין — ביז מאָטשארס באַיצעס (די גרונדוואלדטשיקעס) וועלן צולייגן א האנט... די שילדלעך מיט די אויפשריפטן זעט מען נישט.

אויפן פאָן פון דער התלהבות, מיט וועלכן מ'איז צוריק געקומען פון לובלין (שרייבט דאָך דוד שטאָקפיש, ווי די צוויי פאָליאקן האָבן געגרייט דעם „אָנדענק-צימער" מיט א סך ליבשאפט (צו וועמען, צו די טויטע יידן?...) — וויל איך דאָ איבערגעבן ציטאטן פון א בריוו צו מיר פון מיינעם א חבר אין פוילן, אין וועלכן ער שרייבט (אויף פויליש): „די פייערונג אין לובלין, איז מער טאראראם ווי ס'איז פאקטיש. ביי אונדז איז אזוי, קיין יוגנט איז נישטאָ, אלץ אלטע לייט. מיט דער צייט, וועט דאָס פראָבלעם ווערן געלעזט. יעדע וואָך קומען פאָר לוויות — אין א צייט ארום, וועט מען דארפן זוכן א ייד מיט א ליכט..."

איך בין זיכער, אז דער פארשטאָרבענער הרב ידידיה פרענקעל ז"ל וואָלט אנדערש געקוקט און געזען די צערעמאָניאלן אין לובלין, ווי ס'האָבן געקוקט און געזען די פּאָר לובלינער שליחים פון ישראל. הרב פרענקעל ז"ל האט אמאָל אויף אן אזכרה אין יום השואה געזאָגט: גלויבט נישט דעם גוי!

און נאָך א באמערקונג: דער ברייטער באריכט פון די פייערונגען אין דער ווארשעווער „פאָלקסשטימע", איבערגע-דרוקט אין „קול לובלין" אין ישראל, וועט — אזוי מיין איך — זיין א גוטע רעקאָמענדאציע פאר די היינטיקע מושלים אין לובלין, צו די אמעריקאנער יידן מיטן דזשאָינט בראש...

★

און צום סוף — א פאָרשלאָג:

אין צוזאמענהאנג מיטן בריוו פון קאָמיטעט וועגן דער איניציאטיוו פון דער משפחה פרענקל וועגן ארומצוימען דעם בית הקברות אויף אוניצקע-גאס אין לובלין — האָב איך א מער פראקטישן פראָיעקט. אָבער איידער איך באריר דעם פראָיעקט, וויל איך באקומען א געוויסע אויפקלערונג.

אין „קול לובלין" נר. 20 איז געווען פארעפנטלעכט א דערקלערונג פון דער „פאָלקסשטימע" אלס ענטפער אויף מיינע פאָרווורפן, אז דער בית הקברות איז אָפן — אין דער דערקלערונג ווערט געזאָגט, אז ס'איז נישט ריכטיק, דער בית עולם איז ארומגעצוימט מיט א פארקן. אין „קול לובלין" נר. 23, אינעם ברייטן באריכט גענומען פון דער „פאָלקסשטימע" ווערט געזאָגט: „מיט די אויסשליסלעכע פינאנס-מיטלען פון דער לובלינער שטאָט-פארוואלטונג, מיט דער מאָראלישער הילף פון ד"ר שמחה ווייס, איז דער שטח פון בית עולם אויף אוניצקע ארומגעצוימט מיט א שיינעם עסטעטישן פארקאן, די מצבות אויפגעפרישט און געברענגט אין אָרדענונג. און הלוואי וואָלט אלע יידישע בית-עולמס אין פוילן געווען אין אזא מוסטערהאפטע אָרדענונג ווי אין לובלין".

אינעם בריוו פון קאָמיטעט לייענען מיר אָבער, אז די משפחה פרענקל האלט, אז דער בית הקברות אויף אוניצקע געפינט זיך אויף אן אָפן פעלד און זיי טרעטן צו אויף זייער איניציאטיוו — אויף פינאנסיעלע ארומצוימען דעם שטח און רעסטאווריירן. טאָ ווו איז דאָ דער אמת? אינעם בריוו ווענדעט זיך דער קאָמיטעט צו די לובלינער יידן זיך מיטבאטייליקן אינעם אקט פון באנייען דעם בית הקברות אויף אוניצקא און קומען אין אונדזער חרובער היים, ווו מ'וועט קאָנען זיך באזאָרגן מיט אן אָנדענק-שטיין און געהעריקן אויפשריפט לזכר די געשטאָרבענע קרובים.

איך וואָלט פאָרגעלייגט, אז ס'וואָלט געווען פראקטישער, אז ווער פון די לובלינער איז מסוגל און קאָן, צו ווענדן זיך צו באקומען א דערלויבעניש צו עקסהומירן די ביינער קיין ישראל און אויפשטעלן א מצבה לויטן אייגענעם נוסח און מעגלעכקייט, אויף איינעם פון די בית הקברות אין ישראל, ווו מיר האָבן די פולע זיכערקייט, אז אונדזערע קינדער, אייניקלעך, אור-אייניקלעך און המשכדיקע דורות, וועלן קאָנען אין א יום דפגרא, אין א ראש חודש אלול צי אין א יאָרצייט, לאָזן א טרער און זאָגן א קדיש (א סך בכבודיקער און שענער ווי פארזאָרגן זיך מיט א פילם ווידעאָ...) — זיכערער ווי אן אָנדענק-שטיין אויף אוניצקא גאס, וועלכע איז פאריתומט.

**י. רייכנשטיין, גבעתיים**

# דער רעדאקטאָר ענטפערט:

**צו בן רשקה:**

שוין א פאָר צענדליק יאָר, ווי דו באטייליקסט זיך אין אונדזערע יערלעכע אזכרות אין זאַל פון בית העמלין און ביים דענקמאָל לזכר די קדושים פון לובלין אין נחלת יצחק. בדרך כלל האָבן די דאָזיקע טרויער-אקטן זיך איינגעשעלט לויט א געוויסן „שטאַנץ" נישט נאָר ביי די לובלינער, נאָר אויך ביי אנדערע לאנדסמאנשפטן. טאָ וואָס האָסטו זיך ערשט איצט דערמאָנט ארויסצוקומען מיט טענות, הלמאי מען פארבעט געסט פון אויסלאנד אָנצוצינדן ליכט, אָדער מ'גיט זיי אַ וואָרט ארויסצוטרעטן אויף יזכור-

אונערנעמונגען. און אויב האָסט געוווּסט וועגן אונדזערס א מלחמה־העלד פון מאָנטע־קאַסינאָ, צי וועגן א פרוי וואָס האָט איבערגעלעבט היטלערן, וואָס ביידע זענען ראוי אָנצוצינדן ליכט, איז דיר שווער געווען צו געבן וועגן דעם א טעלעפאָן – און דו ווייסט יאָ, אז מ'וואָלט נישט אָפּגעזאָגט דיין בקשה, צי פאָרשלאג. אויך אויפן בית הקברות איז נאָך געווען א מעגלעכקייט צו פאריכטן דאָס וואָס דו האלטסט פאר אן אומרעכט. פרעג איך: איז גלייכער צו ווארטן מיט באַשולדיקונגען אין אונדזער צייטונג, אָדער באצייטנס איינאָרדענען אזוי, אז מ'זאָל נישט דארפן עמעצן פארשאַפן בייז בלוט? דו ווייסט דאָך יאָ, ידידי, אז טיילמאָל „זוכן מיר מיט ליכט" מענטשן, וואָס זאָלן אָנצינדן די ליכט...

נאָך אפּעס: ווו איז אהין געקומען דיין הכנסת אורחים? פאר וואָס האלטסטו, אז אונדזערע געסט פון אויסלאנד דארף מען נישט דערמעגלעכן ארויסצוטרעטן אויף א יזכור־אקט? צי אָנצינדן די ליכט? פונקט ווי יידן אין ישראל און אין די תפוצות זענען **איין פאָלק**, אזוי זענען לובלינער יידן פון לאנד און פון אויסלנאד – **איין משפחה**.

וואָס שייך דיין עצה צו באנוצן זיך מיט מאטעריאלן פון קאדיע מאַלאַדאָווסקי, יצחק קאַצענעלסאָן, צי פון אייכמאן־פראָצעס, וויל איך דיר ענטפערן, אז עס האָט נישט קיין זין „צו קאָנקורירן" מיט „די גאָלדענע קייט" און אנדערע ליטעראַרישע זשורנאלן, וועלכע פעלן נישט אויס ביי יידן, בפרט, אז ביז איצט האָבן מיר איבערגענוג אייגענעם, היימישן מאטעריאל פון אונדזערע בני־עיר. (זע ווייטער מיין ענטפער צו יצחק רייכענשטיין אויף דער טעמע).

✶

**וואָס געפעלט דיר יאָ, ידידי רייכענשטיין?**

כל הכבוד פאר אונדזער בן־עיר יצחק רייכענשטיין, וואָס לייענט מיט אינטערעס און אויפמערקזאמקייט יעדן נומער „קול לובלין" און וויל אויך רעאגירן, קריטיקירן, פאָלעמיזירן, ווי ס'איז צו זען פון זיין לאנגן בריוו מיטן אויסגעבאָרגטן „קאָפּ" פון די „לעצטע נייעס". ער איז פול מיט טענות קעגן אינהאלט פונעם ספּעציעלן נומער, געווידמעט 40 יאָר מדינת ישראל און 45 יאָר נאָכן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ. אלץ וואָס דאָרט איז אָפּגעדרוקט, געפעלט אים נישט. ער האָט נישט געפונען קיין איין גוט וואָרט פאר דער אויסגאבע. דער גאנצער נומער איז דורך אים פאָרגעשטעלט אין א נעגאטיוון ליכט – דערפאר פרעג איך: שוין־זשע איז אין די 48 זייטן נישטאָ עפּעס אזוינס, וואָס ביי דיר, דעם אויפמערקזאמען לייענער, זאָל זיך נישט דערוועקן א פּאָזיטיווע באמערקונג, א קאָמפּלימענט, ווי דאָס האָבן געטאָן א סך לייענער אין לאנד און אין אויסלאנד.

לאָמיר בקיצור איבערחזרן דיינע טענות און פּרובירן ענטפערן:

הלמאי פון 48 ז"ז, זענען נאָר 7 פון זיי (און נישט מער ווי 4 מאמרים) געווידמעט 40 יאָר מדינת ישראל; אז מ'האָט געקאָנט געבן פּאַפּיערניקאָווס ליד אויף דער ערשטער זייט; דיר פעלט אויך אויף דער זעלבער זייט די פאָן פון דער מדינה, דער עמבלעם פון די 40 יאָר און א בילד פון צה"ל.

מיין תשובה, ר' יצחק: פאר די עטלעכע צוואנציק יאָר רעדאגירן דעם „קול לובלין", איז מיר אויסגעקומען צו הערן, הגם זייער זעלטן אוון פון באמת געציילטע יחידים, ממש אויסנאמען, פאר וואָס מיר דרוקן נישט שאפונגען פון באוווסטע פען־מענטשן. איך האָב תמיד באמיט אויפצוקלערן די פרעגערס, אז אונדזער זשורנאל ווערט ארויסגעגעבן פון א לאנדסמאנשאפט, ריכטיקער געזאָגט – פון א גרויסער משפחה, וועלכע מעג זיך אזוי באצייכענען, ווייל מיר זענען געבליבן א קליינע שארית הפליטה פון א 45־טויזנט קעפּיקן יידישן ישוב. מיט אנדערע ווערטער: „קול לובלין" דארף טראָגן – און טראָגט – דעם כאראקטער פון א פאמיליענבלאט, וואָס דארף אָפּשפּיגלען בלויז און אויסשליסלעך **לובלינער ענינים** פון דער פארגאנגענהייט, קעגנווארט און פלענער לגבי דער צוקונפט. אונדזער יידיש פאָלק, דער עם הספר, פארמאָגט א רייכע פּרעסע אין עברית, יידיש, ענגליש, שפּאניש, פראנצויזיש. אפילון אין דייטש. אויב א ייד פון לובלין פארגלוסט זיך צו שרייבן אויף אלגעמיינע טעמעס – פּאָליטישע, קולטורעלע, נאציאָנאלע, היסטאָרישע און פילאָזאָפישע, וואָס האָבן ניט קיין שיכות צו לובלין, האָט ער גענוג ליטעראַרישע און פּובליציסטישע טריבונעס ווו דאָס אלץ אָפּצודרוקן. ווייל „קול לובלין", אזוי ווי דער נאָמען זיינער, דארף טאקע זיין א „לובלינער שטימע" פאר די בני־עיר און פאר דער טעמאטיק, וועלכע האָט א שיכות צו אונדזער עיר ואם בישראל.

דעריבער, האָט דער רעדאקטאָר דעצידירט וואָס געבן אויף דער ערשטער זייט – צי דאָס ליד פון י. פּאַפּיערניקאָוו (נישט קיין לובלינער), צי דעם אינטערעסאנטן, באלערנדיקן מאמר פון אונדזער רעדאקציע־מיטגליד ד"ר אלחנן האָראָוויץ, געווידמעט ביידע טעמעס פון 40 און 45, געשריבן אין עברית – און מיר ווילן דאָר דערנענטערן דעם צווייטן און דריטן דור צו לובלינער ענינים. און צי האָט איר נישט באמערקט, אז לכבוד דעם ספּעציעלן נומער, האָט מען געגעבן א בלויען „קאָפּ", אנשטאט אין שווארץ? וואָס שייך דער פאָן, עמבלעם און א צה"ל־בילד, וועט אונדזערס א לייענער זיי געפינען בשפע און אלע צייטונגען און דארף עס נישט זוכן דווקא אין אן אויסגאבע פון א לאנדסמאנשאפט.

נישט ערנסט איז דיין טענה, חבר רייכענשטיין, בנוגע א בילד פון א בר־מצווה פייערונג צו וועלכער א לובלינער ייד האָט זוכה געווען פון זיין אייניקל. כן ירבו אזעלכע שמחות ביי אונדזערע בני־עיר (קיין לוויות פעלן במילא נישט אויס...) און „קול לובלין" דארף זיי אָפּגעבן דאָס געהעריקע אָרט.

אזוי איז אומפארשטענדלעך דיין טענה וועגן אָפּלייגן ארטיקלען פון לובלינער מחברים, כדי אָפּצודרוקן פארשידענע מאטעריאלן וועלכע האָבן ניט קיין שיכות צו לובלין. ביז איצט האָט אונדז קיינמאָל נישט אויסגעפעלט קיין זכרונות, ארטיקלען, בילדער, צוגעשיקט פון אייגענע, היימישע יידן. מיר דארפן נישט אָנקומען צו נישט לובלינער. אויך איצט ווערסטו אין אונדזער רעדאקציע־שופלאָד געפינען „רעזערווע". און דיין, זיי מוחל, בייזוויליקער ארייננזאָג, אז די רעדאקציע־קאָלעגיע האָט „גרינגעשעצט די אינטעליגענץ פון לובלינער לייענער־עולם" איז פשוט באליידיקנדיק פאר די, וואַס שוין איבער צוויי צענדליק יאָר

(סוף אויף ז' 32)

# טעטיקייט־באריכט פון אירגון יוצאי לובלין בישראל

# נאָוועמבער 1987—אָקטאָבער 1988 / מתתיהו האָרן

פאָרזיצער פון דער לאנדסמאנשאפט



אויף דער יום העצמאות פיעערונג אין תל־אביב
לכבוד 40 יאָר מדינת ישראל.



### פייערונג לכבוד 40 יאָר מדינת ישראל

דעם 24.4.88, איז אין זאל „תכלת” אין תל־אביב פאָרגעקומען דער טראדיציאָנעלער צוזאמענטרעף פון לובלינער לכבוד דעם יום העצמאות. דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר געהאָפט אויף א גרעסערן אנטייל פון יידן אין די תפוצות, אין שיכות מיט די פייערונגען לכבוד 40 יאָר זייט דער אנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה.

דערעפנט דעם אָוונט האָט דער שרייבער פון די שורות, וואָס האָט זיך אָפגעשטעלט אויף דער באדייטונג פון מדינת ישראל אויך פאר די יידן פון דער וועלט. דוד שטאָקפיש האָט באגריסט די געסט פון אויסלאנד: גיטעלע און יידל עדעלשטיין (פון פאריז); מאָטל און בלומא טרייסטמאן (מעלבורן); רוזשקע און מרדכי לערמאן (פאריז); יוסף זאָבערמאן און פרוי (פאריז); לובא און משה קאָרן און אנדערע.

די יום העצמאות פייערונג איז שוין ביי אונדז געוואָרן א שם־דבר. די היימישע אטמאָספער, טענץ, צוזאמענטרעף פון חברים און פריינט, לאָזן איבער אומפארגעסלעכע איינדרוקן. אינעם ארטיסטישן טייל איז אויפגעטרעטן די בארימטע זינגערין זשעני קעסלער.

עס קומט א יישר־כוח דעם פרויען־קאָמיטעט, וואָס האָט געהאָלפן צוגרייטן די אונטערנעמונג.

### די יערלעכע אזכרה

אין 45 סטן יאָרטאָג פון אומברענגען דורך די דייטשישע רוצחים אונדזערע לובלינער יידן, איז דעם 1טן דעצעמבער 1987 פאָרגעקומען אין בית העמלין דער טראדיציאָנעלער יזכור־אקט. דערעפענט דעם אָוונט האָט דער שרייבער פון די שורות און




חלוקת מלגות מטעם ארגון יוצאי לובלין לתלמידים מצטיינים בבית־הספר „עלומים” ברמת השרון.
מברך בשם הארגון – מתתיהו הורן.

פאַרבעטן געסט פון אויסלאַנד, ווי אויך פון דער שארית הפליטה אין ישראל, אָנצוצינדן די זעקס ליכט. דער הויפּט־חזן פון צה"ל, אריה בראון האָט אָפּגעריכט די טראַדיציאָנעלע תפילות און „אל מלא רחמים". די קינדער פון דער פאָלקסשול אין רמת השרון האָבן מיט זייער איינדרוקספולן אויפטריט בייגעשטייערט צום כאַראַקטער און אַטמאָספער פון דעם אָוונט. די פאַרשטאָרבענע אין לעצטן יאָר, האָט מספיד געווען דוד שטאָקפיש.

מיטן געזאַנג פון „התקוה" איז פערענדיקט געוואָרן דער טרויער־אַקט.

**ביים מאָנומענט אין נחלת יצחק**

ווי יעדעס יאָר, האָבן מיר אויך אין טאָג פון אומקום און גבורה אדורכגעפירט דעם יזכור־אַקט אויפן בית הקברות אין נחלת יצחק, ביים דענקמאָל לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק. נאָכן דערעפענונג־וואָרט פון מ. האָרן, האָט גיטלע עדעל־שילדקרויט געהאַלטן א רירנדיקע רעדע וועגן אומקום פון לובלינער יידישן ישוב אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער חזן אליהו אברהם גרינפעלד האָט נאָך די פּאַסיקע קאַפּיטלעך תהילים, אויך געזאָגט קדיש מיטן עולם און אָפּגעריכט די תפילה „אל מלא רחמים". עס האָבן זיך אויך באַטייליקט געסט פון מעלבורן, פּאַריז, ניו־יאָרק און פראַנקפורט.

**פאַרטיילונג פון דער בעלא מאַנדעלסבערג סטיפּענדיע**

דער סטיפּענדיע־פאָנד א.נ. פון דער אומגעקומענער היסטאָריקערין פון דער יידישער לובלין, בעלא מאַנדעלסבערג־שילדקרויט פון איר ברודער און שוועגערין סימא און שמואל מאַנדעלסבערג, ווי אויך פון איר מאַן מאיר שילדקרויט, ווערט פאַרטיילט אין דריי אוניווערסיטעטן: תל־אביב, ירושלים און בר־אילן (רמת־גן). היי־יאָר איז אין דער סענאַט־אַודיטאָריע פון ירושלימער אוניווערסיטעט פאָרגעקומען די פאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע דעם סטודענט דניאל בלאַטמאַן פאַר זיין פאָרש־אַרבעט „דער ,בונד' אין פּוילן אין דער תקופה פון דער שואה". דעם פאָרזיץ האָט געפירט פּראָפ' ישראל גוטמאַן. באַגריסונגען זענען געהערט געוואָרן פון דוד שטאָקפיש, אין נאָמען פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט; אַדוו' חיים קאָסאָווסקי־שחור אין נאָמען פון געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט און פון אונדזער בת־עיר שרה ראַפּאַפּאָרט־עלבלינגער.

דער סטיפּענדיסט דניאל בלאַטמאַן, האָט געלייענט א גרעסערן אויסצוג פון זיין פאָרשערישער אַרבעט.

**סאָציאַלע הילף**

אין די לעצטע יאָרן האָט די משפחה לובא און משה קאָרן גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו שטיצן די נויטבאַדערפטיקע יידישע משפחות און איינזאַמע מענטשן. צו דעם צוועק פאַרטיילן זיי 2 מאָל אין יאָר — ערב ראש השנה און ערב פּסח — א געוויסע סומע פאַר קנאַפּע 20 מענטשן. פון די בריוו וועלכע מיר דערהאַלטן, איז צו זען, מיט וויפל דאַנקבאַרקייט און צופרידנקייט עס נעמען אויף די דאָזיקע מענטשן די זאָרג און הילף פון די קאָרעס.

**פאַראייביקונג**

א דאַנק דער שפּענדונג פון דעם פּאָרפּאָלק שפּיגעל פון לאָס־אַנזשעלעס די סומע פון 3.5 מיליאָן דאָלאַר פאַרן בית התפוצות, וועט דערמעגלעכט ווערן אויפצובויען נאָך א פליגל צו פאָרשן און פאָרצושטעלן יידיש לעבן אין 19טן און 20 סטן יאָרהונדערט. דער אויפטו וועט דערמעגלעכן די לאַנדסמאַנשאַפטן זיך איינצושאַפן, פאַר א צוגענגלעכן פּרייז, אַן אָנדענק־צימער אין בית התפוצות.



לובלינער דעלעגאַציע ביים לייגן קרענץ פאַרן דענקמאָל פון די אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ, אין יד ושם אין ירושלים, אין טאָג פון גבורה און אומקום. פון לינקס: בלומא טרייסטמאַן (מעלבורן), גיטעלע עדעל (פּאַריז), דבורה האָרן (תל־אביב), מאָטל טרייסטמאַן (מעלבורן).



משה קאָרן צינדט אָן איינעם פון די זעקס ליכט אויף דער אזכרה אין תל־אביב.



צוזאַמענטרעף מיט געסט פון מעלבורן, בלומא און מאָטל טרייסטמאַן. פון לינקס: מאָטל טרייסטמאַן, מאַרעק אָרטמאַן, בלומא טרייסטמאַן, משה זאַלצמאַן, דוד שטאָקפיש, מתתיהו האָרן, אלכסנדר שריפט.

# כמה שאלות לאורחינו מפולין

**מתתיהו הורן**

(מתוך נאום־ברכה במיפגש עם הפרופסורים מלובלין, בת"א 27.1.88)

בני עיר יקרים

הנני מתכבד לברך את האורחים: פרופ' הרניק גפסקי וד"ר פיוטר גאַך בברכה מסורתית; ברוכים הבאים. באתם אלינו מעירנו לובלין, כדי ללמוד ולהכיר מקרוב את בני עמנו בארצו הקדושה. הנני תקוה, שלא תתאכזבו. הציבור הלובלינאי אינו יכול ואינומסוגל לשכוח את עיר הולדתו, מקום בו הם חיו והתחנכו במשך מאות בשנים; השתתפו בצורה פעילה בפיתוח התעשיה, המסחר, האמנות ומדע בלובלין ובפולין בכלל.

בצער ובכאב גדול עלי להזכיר בערב זה, בנוכחות האורחים הנכבדים, את התקופה שרוצים לשכוח ולטשטש מבחינה היסטורית — תקופת השואה.

העיר לובלין, שהיתה בין הראשונות לפלישת הגרמנים, היתה גם הראשונה להשמדה. הם ביצעו את המזימות בזהירות יתר, שהיהודים לא ידעו את התכנית של ההשמדה הסופית, כמו כן רצו לבחון את תגובתם של הפולנים ושל אומות העולם ונכחו לדעת, שהם מתייחסים באדישות ובאי־איכפתיות, ואף שתפו פעולה עם הגרמנים. לכן הקימו מחנות השמדה — אושוויץ, טרבלינקי, מיידאנק ועוד. שישה מיליון יהודים, שליש מעמנו, הושמד בצורה ברברית, שההיסטוריה לא ידעה כמותה, על ידי הנאצים השפלים ועוזריהם. ידוע לנו, שהיו גם פולנים - חסידי אומות העולם — שהצילו את חייהם של היהודים וסכנו את נפשם, מבלי לקבל כל תמורה.



אויפנאמע פאר פוילישע געסט פון לובלין. פון לינקס: אנדזשעי טשטשינסקי, פראָפ' גאַד, מ. האָרן (רעדט), פראָפ' גאפסקי, א. לאסקאָווסקי, ד. שטאָקפיש.

הנני תקוה, עם הרבה ציפיות, שהאורחים המכובדים ידעו להתעלות מעל הכל ויחנכו את דור ההמשך, בהתייחסות אחרת לעם היהודי.

הקהילה היהודית בלובלין, בעלת מסורת מפוארת, אשר במשך דורות רבים היוותה מעין שופע של היצירה היהודית בפולין, נעלמה מהשטח ויש לעשות הרבה יותר להנצחת יקירינו שנספו בשואה.

כעת אני רוצה לשאול את האורחים הנכבדים; בגמר המלחמה האיומה, האוניברסיטה הקאטולית בלובלין פרסמה ספר מיוחד ובו ציינו את שמות האנשים הדגולים; פרופסורים, כמרים, סופרים, אנשי מדע שהושמדו על ידי הנאצים, אבל לא הזכירו כלל את היהודים, מלבד אחד מר בקר, אנשים דגולים מבין היהודים, אשר תרומתם גדולה להתפתחות עירנו לובלין. מה צריכה להיות תגובתנו? האם אפשר להבליג על כך?

Drodzy Ziemkowie!

Man zaszczyt przywitać naszych miłych gości, profesora Henryka Gapskiego i doktora Piotra Gacha z Katolickiego Uniwersytetu Lubelskiego, tradycyjnym pozdrowienien: Bruchim Habaim - blogosławienie przybyszom!

Przybyliście do nas z naszego rodzinnego miasta - Lublina, by poznać naszych braci w Ziemi Swietej. Mam nadzieję, że nie będziecie rozczarowani.

Lublinianie nie mogą i nie są w stanie zapomnieć swego miasta rodzinngeo, w którym urodzili śie i wychowali, gdzie w ciągu wieków ich przodkowie - w różnych formach - aktywnie uczestniczyli w rozwoju przemysłu, handlu, nauki i sztuki - nie tylko Lublina, lecz i całej Polski.

Z przykrością muszę tu dziś, w obecności naszych Szanownych Gości przypomnieć, że teraz, kiedy neofaszyści usiłuja zaprzeczyć, jakoby zaglada Żydów miała miejsce - muszę przedstawic fakty.
Lublin, zajęty przez wojska niemieckie w pierwszych dniach wojny, był też pierwszym miastem zagłady. Zaczeto ją ostroznie, żeby Żydzi nie mogli przewidzieć celu końcowego ale też by zbadać reakcję ludności Polskiej i narodów świata. Przekonawszy się o ich obojętności i gotowości współpracy, licznych Polakow, Niemcy założyli obozy zagłady na ziemi Polskiej. W rezultacie 6 milionow Żydow, trzecia część

naszego narodu została zgładzona w barbarzynski sposób, nie mający precedensu w dziejach ludzkości.

Wiemy też, że byli wsród Polaków Chasidei Umot Haolam - Sprawiedliwi Narodów Swiata, - Ktorzy najzupełniej bezinteresownie narażali życie własne i najbliższych, by ratować Żydów.

Mam nadzieję, ze nasi Szanowni Goscie dołożą starań, aby nowe pokolenie wychowac w duchu humanizmu i przyjaźni między naszymi narodami.

Społeczność Żydowska w Lublinie, mając wspaniałą tradycję - była przez wiele lat obfitym źrodłem tworczości żydowskiej w Polsce.
W tragiczny sposób zniknęła ona z powierzchni ziemi i pozostało tylko dołożyć starań, by pamięc o nich nie zaginęła.

Pragnę zapytać Szanownych Gosci: dlaczego po zakonczeniu drugiej wojny swiatowej, Katolicki Uniwersytet Lubelski wydał książke, w której umieszczono nazwiska wybitnych osobistosci: profesorów, duchownych, pisarzy i naukowców, zgładzonych przez nazistów. Nie wymieniono w niej osobistosci pochodzenia żydowskiego (z wyjatkien p. Bekiera) - ktorzy rozsławili Lublin. Czy można teraz brak ten uzupełnić i dać swiadectwo prawdzie historycznej?

Słowa prof. Gacha "Przy tej okazji pragnę przedstawić kilka faktów w mojej pracy na Uniwersytecie. Niektórzy studenci zadali mi dosyć drastyczne pytanie. Czy jestem poinformowany, jakoby, przed wojną żylo w Polsce 3 i pól miliona Żydów, ktorzy niszczyli naszą industrję i ekonomię? Czy byli obcym elementem w Życiu Polski. Na to zapytałem ich, skąd te wiadomości. Odpowiedzieli, że jeden z wykładowców udielił im tą informację.

Powiedziałem Im, że to wszystko jest wyssane z palca. Odwrotnie Żydzi uczestniczyli w rozwoju kultury, wiedzy i handlu".

M. Horn

---

# ווער און מיט וויפל האט זיך באשטייערט פאר דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל

**אין אמעריקאנער דאָלארן:**

| | |
|---|---|
| לובא און משה קאָרן | 500 |
| סימאָן זיידענוועורג | 500 |
| לובלינער לאנדסמ. ניו־יאָרק | 250 |
| לובלינער אין ב.־איירעס | 110 |
| עקהאוס, מעלבורן | 100 |
| העניעק ראָט, סידני | 100 |
| פאמיליע מושקאט, תל־אביב | 100 |
| ראובן ראָסעט, סאן־פאולאָ | 100 |
| גילדענגרוב, שוועדן | 100 |
| פאמיליע שפּיראָ, פאריז | 100 |
| יוסף זאָבערמאן, פאריז | 100 |
| מאָטל גארטענקראוט, ניו־יאָרק | 100 |
| שלמה זינשטיין, ניו־יאָרק | 50 |
| יוסף שנור, ל. אנזשעלעס | 70 |
| לואיס, ל. אנזשעלעס | 50 |
| מרים צוקער, וויניפעג | 50 |
| מ. מילשטיין, ס. פראנציסקאָ | 50 |
| פּאָליע מארגוליעס, נ.־יאָרק | 50 |
| פאמיליע ווייצענפעלד, מיאמי | 40 |
| נ. שמן, טאָראָנטאָ | 40 |
| י. זהבי, פראנקפורט | 30 |
| נ. גורפינקעל, דיסלדאָרף | 30 |
| ראובן פרידמאן, ניו־יאָרק | 20 |

**אין קאנאדער דאָלארן:**

| | |
|---|---|
| אבע סלאָמא, מאָנטרעאל | 60 |
| פאמיליע צווייקאפט, מאָנטרעאל | 45 |
| פעסע סלאָמא (פאָגעל), מאָנטרעאל | 20 |

**אין אויסטראלישע דאָלארן:**

| | |
|---|---|
| פאמיליע טרייסטמאן, מעלבורן | 100 |

**אין פראנצ. פראנק:**

| | |
|---|---|
| מאטיס זשעלאזאָ | 200 |

**אין שקלים (פון 25 און מערער)**

| | |
|---|---|
| מאָטל גארטענקראוט, ניו־יאָרק | 700 |
| פּייעראייזן | 150 |
| הערץ אליהו | 54 |
| גערשנמאן | 50 |
| שטייף צביה | 50 |
| אהרון קאווע | 50 |
| פּייעראייזן טובה | 50 |
| רעזניק | 50 |
| חלד חנה | 50 |
| ווינאָגראד שמואל | 50 |
| שלוי (קוראָפּאטווע) אברהם | 50 |
| גדליהו שטייגעל | 50 |
| לאה עצמון | 50 |
| כספי שולמית | 50 |
| דונר דורה (פרשטנד) | 50 |
| גרינשטיין פישל | 50 |
| הערץ אליהו | 36 |
| קרעמער הינדע | 30 |
| גרינפעלד א. | 30 |
| ראָזנער שרה ונתן | 30 |
| מושקאט | 30 |
| קאראש | 30 |
| ניסענבוים פּאָלא | 30 |
| ראָזענבאום נתן | 30 |
| כהן רחמים | 30 |
| שאפירשטיין חנה וחיים | 25 |
| האָלצמאן יעקב | 25 |
| האָלצקענער דבורה אשהיים | 25 |
| האָלצקענער פּאָלא | 25 |
| אָרטמאן יוסף | 25 |
| שעכמאן אברהם | 25 |
| אפעלבוים | 25 |
| רעכטמאן | 25 |

# ביי אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן

## פּורים יום־טוב ביי די לובלינער און פּאַרטשעווער לאַנדסלייט אין פּאַריז

אַ שיינע צאָל מיטגלידער פוןביידע געזעלשאַפטן, זענען געקומען אָפּצייכענען און זיך פרייען אויף אַ משפּחהדיקן אופן אויף דעם פריילעכסטן יום־טוב פּורים.

דער פּאָרזיצער פון דער לובלינער געזעלשאַפט שמואל שפּיראָ, באַגריסט די אָנוועזנדיקע און שיקט איבער אַ ברכה פון אַ רפואה שלמה אַ צאָל קראַנקע מיטגלידער, וואָס האָבן נישט געהאַט דאָס גליק צו פייערן דעם יום־טוב צוזאַמען מיט אונדז.

אין זיין אַריינפיר, ווי אויך פון דער איין־טאָגיקער, געקרוינטער אסתר־המלכּה — גיטעלע עדעלשטיין, האָבן זיי דערציילט וועגן די היסטאָרישע געשעענישן, אויף דער קאַנווע פון מגילת אסתר, וואָס איז אַ לערע וואָס דינט פאַר אַלע צייטן, אַז דאָס יידישע פאָלק, ווען ס'איז פאַראייניקט, קען מיט דערפאָלג קעמפן און דערגרייכן זיגרייכע נסים קעגן די המנ'ס. דער אינהאַלט פון דער מגילה סימבאָליזירט די טראַגעדיע און אומזיכערקייט פון דער יידישער עקזיסטענץ אין די גלותן, אַסימילאַציע איז אַ קנאַפּער פאַרזיכערונגס־גאַרטל.

ביידע רעדנער דערמאָנען די אַקטועלע פּראָבלעמען אין מדינת ישראל, וואָס רופן ארויס זאָרג און רופן צו שטאַרקן אונדזער סאָלידאַריטעט און הילף פאַר דער מדינה.

שמואל שפּיראָ, פּאָרזיצער פון פאַלקס־קאָמיטעט, גיט איבער, אַז דעם חודש מערץ דאַרף מען שליסן די מגבית־אַקציע פאַרן יאָר 1987. די לובלינער געזעלשאַפט האָט ביז צום פּורים יום־טוב געזאַמלט העכער 12 מיליאָן אַלטע פראַנק. ליידער, באָבן מיר דאָס יאָר געהאַט אַ פאַרלוסט פון אַ ריי מנדבים.

די לעצטע געשעענישן אויף די פאַרנומענע שטחים האָבן גורם געווען, אַז אַ ריי מיטגלידער האָבן זיך שוין באַשטייערט פאַרן יאָר 1988 — און ער רופט אַלאַ אָנוועזנדיקע, ווי אויך די וואָס האָבן דעם יום־טוב נישט בייגעווינט, זיי זאָלן נאָכטאָן ביישפּיל.

דער סעקרעטאָר פון דער פּאָרטשעווער געזעלשאָפט, פריינט קאָסטיא, האָט געלייענט אַ פעליעטאָן פון איציק מאַנגער.

בעת דער עולם האָט טועם געווען פון די טראַדיציאָנעלע המן־טאַשן און פרוכטן, האָט מען דערפאַלגרייך אויספאַרקויפט די צוגעגרייטע בלומען, כּדי קעגנזייטיק צו שיקן זיך שלח־מנות.

דער אַרטיסטישער פּראָגראַם איז געוואָרן אויסגעפירט פון די סאָלאָ־זינגער פאָל סטאַראָשוויעצקי און מוגערמאַן. דער עולם האָט זיי באַדאַנקט מיט אַפּלאָדיסמענטן און געשיקט בלומען.

דער פּאָרזיצער האָט אויסעדריקט אַ יישר־כּוח דעם פּאָרזיצער און סעקרעטאַר פון דער פּאַרטשעווער געזעלשאַפט, די ה"ה קעניגסמאַן און קאָסטיאַ, ווי אויך דער אונטערנעמונגס־קאָמיסיע משהלע ראָזענבלום, פרוי מ. ניסענבוים, דער איבערגעגעבער קאַסירערין דינה'לע ראָטשטיין, יוסף טובערבינשטאָק און חוועטשע לאבערבלאט פאַר זייער זאָרגפולן צוגרייטן דעם יום־טוב.

מיטן געזאַנג פון דער „התקווה," איז אין אַ דערהויבענער אַטמאָספער געשלאָסן געוואָרן דער יום־טוב.

**משה זאַלצמאַן**

## לובלינער לאַנדסלייט באַערן זייער חרובע קהילה

דעם 23־טן נאָוועמבער 1987, איז אין חורבן־צענטער פאָרגעקומען אַ יזכור־אָוונט צו דער 45 ־סטער יאָרצייט פון דער ליקווידאַציע פון דער קהילה אין לובלין און אירע 45 טויזנט קדושים.

די לעבן־געבליבענע שארית־הפליטה לובלינער לאַנדסלייט אין מעלבורן, האָבן אויף אַ ווירדיקן אופן אָפּגעצייכנט דעם אָנדענק פון זייער שטאָט לובלין.

נאָכן אָנצינדן די זעקס סימבאָלישע יאָרצייט־ליכט, מאַכט ה' מאָס דעם אל־מלא רחמים און זאָגט קדיש בציבור. דער פּאָרזיצער פון אָוונט איז געווען מ״שאַ עקהאַוז, וועלכער שטרייכט אונטער אין זיין אַריינפיר־וואָרט די טרויעריקע דאַטע פאַר די לובלינער לאַנדסלייט, ווען ס'איז חרוב געוואָרן די אַלטע היסטאָרישע קהילה.

ער גיט דאַן דאָס וואָרט צו ה' גאָלדבאַנד, פּרעזידענט פון לובלינער לאַנדסלייט אין מעלבורן, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק געקומען פון אַ רייזע אין ישראל. ער גיט איבער וועגן זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און די נאַצישע מעטאָדן צו פייניקן יידן.

די צוויי שילערינס פון שלום־עליכם קאָלעדזש, שערלי שווידערסקי און לאַני וויימאַן, רעציטירן די באַלאַדעס „צוויי קינדער" און „מאַך שוין צו די אייגעלעך".

ה. באַכראַך רעדט וועגן דער שטאָט לובלין, וואָס איז געווען ווי אַ פּערל אין דער קרוין פון פּוילישן יידנטום: אַ יידישער גייסטיקער צענטער פון תורה און לומדים, גאונים, ועד ארבע ארצות, ישיבת־חכמי לובלין און אויך וועלטלעכע יידן, שרייבער, פּאָעטן, פּאַרטייען, ביבליאָטעקן א.א.וו. אויך הענריק ערליך און שלמה הערשענהאָרן זענען געווען לובלינער.

אין צוגעפּאַסטן אַרטיסטישן פּראָגראַם, טרעטן אַרויס די פרויען פּ. שיפּמאַן און טאָבאַ קאופמאַן.

עקהאַוז דאַנקט די פאַרזאַמלטע פאַר זייער אָנטייל. „פאַר די שארית־הפליטה פון פּוילישן יידנטום אין מעלבורן איז נישט מער געבליבן, ווי אויסצודריקן אונדזער טרויער און אָנדענק פאַר די קדושים ווי אין חורבן־צענטער, וועלכער וועט בלייבן אלס אָנדענק לדורות וועגן די נאַצישע רציחות איבער די יידן", — זאָגט פריינט עקהאַוז.

ער רופט אַלע יידן צו שטיצן דעם חורבן־צענטער. מיטן פּאַרטיזאַנער־ליד און „התקווה", ווערט דער טרויער־אָוונט פאַרענדיקט.

**אַן אָנוועזנדער**

# אונדזערע לאנדסלייט שרייבן

## נ. שמן, טאָראָנטאָ

טאָראָנטאָ, בס"ד, עש"ק נחמו, תשמ"ח, 29.7.88.
דוד שטאָקפיש, רעדאקטאָר „קול לובלין" — שלום!
זח"פ:

איך האָב דערהאלטן דעם נומער „קול לובלין" (23, ניסן־אייר) – אן אינהאלטרייכער נומער, מיט היסטאָרישע אָפּהאנדלונגען און אינטערעסאנטע זכרונות, א געלונגענער צוזאמענקלייב פון מיטארבעטער און מאטעריאלן לזכר לובלין. אין די זכרונות – אזוי פיל באקאנטע נעמען, באקאנטע גאסן: לובארטאָווסקא (לעווערטאָווער) גאס, ווי שעראָקא – מיין יוגנט דאָרט אוועקגעגעבן. חסידות האָב איך געלערנט אין אייגער'ס בית מדרש אויף שעראָקא און לומדות אין כהנ'ס בית מדרש. די ימים נוראים און שבועות האָב איך פאַרבראַכט ביי די „טישן" פון רבי שלמה איגר זצ"ל – דאָס שיינדל פון לובלין, אויף וועמען מ'האָט געזאָגט, אז ער באזיצט חכמת שלמה. ראש השנה, תשליך, פלעגט מען גיין דורכן חוזה'ס בית מדרש. כל נדרי בין איך אמאָל געגאנגען אין מהרש"ל'ס שול, דאן האָט ר' משהלע אייזנבערג געדאוונט אלס שליח ציבור און דער רב הכולל ר' אלי' קלאצקין האָט געזאָגט „דברי כבושין", געוועקט דעם עולם צו תשובה און אליין זיך צעוויינט. פאר וואָס – ווייס איך נישט. ער האָט קיין זינד ניט געהאט אויף זיך; ער איז געזעסן יומם ולילה געלערנט און געשריבן חידושי תורה. אין שול פון חברה נושאים האָט ר' משהל מיר געגעבן א בחינה און פון אים האָב איך א בריוו, אז ווען די ישיבה וועט געעפנט ווערן, בין איך פון די ערשטע תלמידים אין ישיבת חכמי לובלין. דערווייל, בין איך אוועק קיין קאנאדע.

אין טשעכיוו, ביי לובלין, האָב איך געקראָגן סמיכת רבנות און דערנאָך געקראָגן סמיכה ביי די ווארשעווער רבנים, אזוי אז איך האָב פארלאָזט מיט די געהעריקע רבנישע דאָקומענטן. אוועק פון פוילן, צוליב די דעמאָלטדיקע גזירה, אז נאָך אכצן, וועט מען נישט קריגן קיין עקזיט־וויזע און איך בין שוין געווען קרוב צו בן י"ח און נישט געווען להוט צו דינען אין דער פוילישער ארמיי.

יאָ, לובלין איז געווען מיין גייסטיקע שטאָט – אזא יידישע שטאָט וועט שוין מער ניט זיין. מיר לעבן היינט אונטער אנדערע אומשטענדן, אנדערע באדינגונגען, אין גאָר נייע קלימאטן און מיר האָבן היינט מענטשן מיט נייע באגריפן, נייע אידעען און אן עקסטרעמיזם פון אלע זייטן, פון אלע ריכטונגען.

דער „קול לובלין", וועקט און רופט ניט צו פארגעסן און די מאטעריאלן, פאַרעפנטלעכט אין דאָזיקן קול, וואָס איר אלס רעדאקטאָר קלייבט אויס, זענען וויכטיק פאר פאָרשער ניט בלויז וואָס שייך געשיכטע־לובלין, נאָר בכלל פאר דער געשיכטע פון פויליש יידנטום און גאָר באזונדערס זוועגן דעם חורבן פוילן.

וואָס פאר א טייערע יידן לובלין האָט פארמאָגט. ס'דערמאָנט זיך א שפאציר מיט מיין רבין ר' פּינחס אליעזר גרויספערשטאנד – אין לובלין האָט מען אים גערופן פנחסל עילוי – אויף נאדסטאווגע, און ס'גייט פארביי א ייד מיט א זאק אויף דער פלייצע, זאָגט מיר מיין רבי: „דער ייד געהערט צו די ל"ו צדיקים, צוליב וועמעס זכות די וועלט האָט א קיום. בייטאָג דרייט ער זיך אויף די אָרעמע געסלעך, אָבער ביינאכט, ווען ס'ווערט שטיל אין כהנ'ס בית מדרש, זיצט ער גאנצע נעכט, ביז יידן הייבן אָן צו קומען צו שחרית... ער איז א למדן בסתר"!

אייערע סענטימענטאלע איינדרוקן „אויף קבר אָבות", האָבן מיך גערירט צו טרערן – וואָס פון פון אזא שטאָט איז געוואָרן: א שטאָט מיט אזויפיל יידיש לעבן און פלוצלונג – אזא גזר.

איך האָב איבערגעלאָזט א גרויסן טייל פון מיין משפחה אין לובלין: די אייכנטיילס, די בארימטע לובלינער לומדים־חסידים, ווי ר' ברוך קאָצקער, זיין ברודער אונזער מחותן ר' יהושע און נאָך און נאָך – איך זע זיי ניט איינמאָל אין חלום. און די רבנים: דער וויסאָקער רב, דער טאָרבינער רב, הויפט פון כהנ'ס בית מדרש רבי ברוך, יחיאל טאָרבינער – אין אייגערס בית מדרש קאָפּל קעניגסבערג, סענדער זילבער. ווער איז בכוח זיי אלע אויסצורעכענען?

ס'קומט אייך מער ווי א יישר כח פאר אייער מי, אָנשטרענג ארויסצוגעבן אזא שריפט, וואָס פרישט אויף זכרונות און וואָס באַרייכערט אונזער וויסן.

## הערי פּרוכטמאַן, ניו־יאָרק

קודם כּל וויל איך אלע לאנדסלייט אין ישראל און אין דער וועלט, ווינטשן א גוט יאָר מיט א סך געזונט. די ברכה איז פון אונדזער לאנדסמאנשאפט אין ניו־יאָרק, ווי פון מיר פערזענלעך. די טעטיקייט פון אונדזער אָרגאניזאציע איז א פאמעלעכע. ניו־יאָרק איז טאקע א זייער גרויסע שטאָט, אָבער מיר ווערן קלענער אין צאָל. די יאָרן גייען זיך און נעמען אויך ארום אונדזערע מיטגלידער.

אָבער איין אויפגאַבע היטן מיר אָפּ יעדעס יאָר – נישט צו פארגעסן אונדזערע קדושים, די קרבנות פון די נאצישע רציחות. דעם 27 סטן נאָוועמבער וועלן מיר אדורכפירן די אזכּרה לזכר די יידן פון לובלין און אומגעגנט.

*

## קאָפּל מיזריצקי, בוענאָס־איירעס

פאר אלעמען, נעמט צו אונדזערע ברכות צום נייעם יאָר: א סך געזונט און גליק, ווי אויך שלום פאר מדינת ישראל. מיט לייבל זילבער האָבן מיר געשיקט אונדזער יערלעכער באשטייערונג, ער איז ארויסגעפאָרן אויף א לענגערן באזוך אין ישראל.

אין דעם בריוו אויך ארייגעלייגט א בילד און א נאָטיץ וועגן אונדזער פארשטאָרבענעם אקטיוון מיטגליד פון דער לאנדסמאנשאפט, **יואל גראדעל** ז"ל. איך בעט נישט פארגעסן צו דערמאָנען אים צווישן די נפטרים אין נאָענטסטן נומער „קול לובלין".

אונדזער עולם ווערט אלץ וויניקער.

מיר זענען טעטיק אין פארבאנד פון פוילישע יידן.

איך האָב געלייענט אין דער ווארשעווער „פאָלקס־שטימע" דעם פולן באריכט פון די טרויער־אקטן אין לובלין צום 45 סטן יאָרטאָג פון אומברענגען דאָס לובלינער געטאָ.

דאָרט איז אויך געווען באַריכטעט וועגן דיין אַרויסטריט, דוד, אין אוניווערסיטעט, וואָס איך האַלט אַז ער איז געווען זייער אַ מוטיקער. דאָס בילד ביים מאָנומענט אויפן געוו. פּוילישן טאַרג, הינטערן מאַגיסטראַט, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק.

איך ווייס נישט וואָס צו קלערן, היינט, דעם 13טן יאַנואַר – און מיר האָבן נאָך נישט באַקומען דעם „קול לובלין". איז דאָס פּעקל פאַרלוירן געגאַנגען? עס וואָלט געווען אַ גרויסער שאָד, ווען דאָס הייפל לובלינער יידן זאָלן, חלילה, פאַרלירן די דאָזיקע טריבונע, וועלכע פאַרבינדט אונדז אַלע. אונדזער אייניקל איז אַרויסגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן קיין ישראל, אין די ראַמען פון דער אַקציע „תפוז". ער וועט זיין אין קיבוץ חניתה.

האַרציקע גרוסן פאַר אַלע לאַנדסלייט.

★

## ד"ר בינעם ווייס, וואַרשע

אַ האַרציקן דאַנק פאַרן לעצטן בריוו. וואַרשיינלעך, וועלן מיר אין נאָוועמבער־דעצעמבער באַזוכן ישראל. איצט זענען מיר פאַרבעטן צו די יעדוואַבס (שפּיץ) קיין לאָנדאָן. אין יוני האָבן מיר אין וואַרשע געהאַט געסט – אסתר און אַדאַם גאָלדמאַן פון קאָפּענהאַגען.

איין טאָג אין וואָך בין איך אין לובלין. תמיד זענען פאַראַן צו דערליידיקן פאַרשידענע ענינים. צום „אָנדענק־צימער" אויף לובאַרטאָווסקע 10, אין געוו. בית המדרש פון חברה נושאים, קומען אַלע מאָל צו נייע עקספּאָנאַטן פון רעליגיעזן ווי פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, וועלכע מיר שטעלן דאָרט אַוועק. אינגיכן דערשיינט אַ ספּעציעלער וועגווייזער פאַרן צימער, אין וועלכן עס וועט דערציילט ווערן סיי די געשיכטע פון לובלין (אין יידיש, העברעיש און ענגליש), ווי אויך אַ גענויער אינדעקס פון די אויסגעשטעלטע דאָרט קעגנשטאַנדן און תשמישי קדושה. מיר האַלטן, אַז די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, ווי די אַנדערע לובלינער אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, וואָלטן באַדאַרפט אונדז העלפן נאָך מערער אויסצושטאַטן דעם אָנדענק־צימער. מיר בעטן אונדז צושיקן צוויי פאַרגרעסערטע בילדער פון בעלאַ שאַפּיראָ און בעלאַ מאַנדעלסבערג פאַר דעם צימער.

★

## יעקב ווייצענפעלד, מיאַמי

אַ שיינעם דאַנק פאַר דעם שיינעם בריוו. אַ שאָד, וואָס בעת מיין לעצטן באַזוך אין ישראל, האָבן מיר זיך נישט געטראָפן. מעגלעך, אַז כ'וועל הײַ־יאָר באַזוכן דאָס לאַנד, וועט מען אַלץ טאָן, כדי זיך צו באַגעגענען מיט לובלינער יידן אין ישראל.

מיינע זכרונות פון לובלין זענען תמיד געבונדן מיטן „קעכל" אויף רינעק 10, וווּ ס'איז געווען דער קלוב פון לינקע פּועלי־ציון און פון ספּאָרט־קלוב „גוויאַזדאַ". בראש זענען געשטאַנען די חברים שלמה מיטעלמאַן און מאיר שילדקרויט.

איך שיק פאַרן „קול לובלין", אויסער מיין יערלעכע באַשטייערונג, אויך אַ בילד פון דער בר־מצווה פון אונדזער אייניקל. זייט געגרסט.

★

## אַבע סלאָמאַ, טאָראָנטאָ

איך שיק דאָס אַרטיקל וועגן י. ל. פּרץ הויז אין לובלין און גלויב, אַז עס וועט דאָסמאָל ניט פאַרלוירן גיין – דערפאַר שיק איך אויף אייער אַדרעס. ביי די לובלינער אין טאָראָנטאַ איז מען ניט צו פיל אַקטיוו. אין ענגליש הייסט דאָס „אַ שטילע סאָסייטע". דער עולם ווערט עלטער, איז די טעטיקייט אַ שוואַכערע.

ביי געלייגט אַ בילד פון אַ גרופּע לובלינער צוקונפטיסטן. צווישן זיי – דער ערשטער קרבן פון די דייטשישע רציחות (דער דריטער פון רעכטס – וואַסערמאַן). די אַנדערע אויפן בילד: אהרון מילער, יצחק טראַכטענבערג, באַרהאָלץ.

ביטע צוריק שיקן דאָס בילד.

★

## מאָטל טרייסטמאַן, מעלבורן

מיר זענען בשלום געקומען אַ היים, נאָך אַ באַזוך פון 2 חדשים אין ישראל. מיר דאַנקען פאַר דער שיינער אויפנאַמע. אַ שאָד, וואָס אַזוי ווייניק לובלינער יידן פון דער וועלט, זענען געקומען פייערן 40 יאָר יידישע מדינה.

איך האָב גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאַג וועגן פאַראייביקן אונדזער יידישע לובלין מיט אַ טעלעוויזיע־פילם, וואָס וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאַסעטע און יעדער באַזיצער פון אַ ווידעאָ, וועט ביי זיך אין סאַלאָן קאָנען זען אַ פילם וועגן אונדזער אַלטער היים. איך וואַרט אויף די 160 ליכט־בילדער („סליידס"), וועלכע איר האָט צוגעגרייט מיט יאָרן צוריק, כדי אַ טייל פון זיי אַריינפלעכטן אין דערמאָנטן פילם. איך וועל זיין צופרידן, אויב כ'וועל קענען געבן מיין ביישטייער צו פאַראייביקן די יידישע לובלין.

★

## יוסף שנור, לאָס־אַנזשעלעס

חשובע פריינט און לאַנדסלייט.

איך האָב באַקומען דעם „קול לובלין" נר. 22. ער איז זייער אימפּאָזאַנט און ס'איז אַ פאַרגעניגן צו לייענען די אַלע נייעסן פון באַקאַנטע נעמען, וועלכע איך האָב געקענט אין אונדזער אַלטער היים, וואָס איז ליידער נישטאָ מער.

אין די באַריכטן וואָס קומען פון די לובלינער אין אַנדערע שטעט און לענדער (פון לאָס־אַנדזשעלעס וועט אייזנבערג באַשרייבן די אזכרה, וואָס איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער). איך לייג ביי פאָטאָס פון דער אזכרה און גלייכצייטיק לייג איך צו אַ פאָטאָ פון מיסטער פישמאַן, ווען ער רעדט אויף דער פייערונג, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט פאַר אים איינגעאָרדנט. מיר טוט לייד, וואָס אונדזער פריינט און לאַנדסמאַן סעם ברייטער איז שוין נישטאָ צווישן אונדז. ער איז געשטאָרבן אין פלאָרידע און באַערדיקט געוואָרן אין מאָנטרעאַל. ער וועט אונדז אַלע פעלן. כבוד זיין אָנדענק.

און דיר, דוד, מיט דיין פרוי רבקהלע, דאַנק איך פאַר דעם באַריכט פון לובלין, ווו איר האָט באַזוכט מײַדאַנעק און אַנדערע היסטאָרישע ערטער. ליידער, האָב איך נישט געקאָנט פאָרן צוליב מיין געזונט־צושטאַנד, און אויך ווען עס איז ווינטער. איך האָף, אַז מיין געזונט־צושטאַנד וועט



teatrnn.pl

געזעלשאַפט
„פאַר־אײניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט"

אינעם יאָר תשמ״ח הערלאַנגען מיר שפע ברכות פאַר אונזערע אומדערמידלעכע פיר געזעלשאַפטלעכע טוער צו זייער ווערן בן־שמונים

צו זייער 80־טן געבורטסטאָג

דעם לאַנגיעריקן פאָרזיצער פון אונזער געזעלשאַפט, פרעזידענט פון דער עקזעקוטיווע ביי דער פאָלקס־אַקציע

## שמואל שפּירא

אונזער סעקרעטאַרין, איר אַקטיוון בײשטייער אין דער פּראָגרעסיווער וויזערשטאַנד־באַוועגונג און הערנאָך העפּאַרטירט געוואָרן

## טעשקע פּאָרשטעטער־קאָרמאַן

דעם שרייבער פון אַ גאַנצע ריי ביכער אין יידיש, אויך איבערגעזעצט אין דער פּראָגרעסיווער שפּראַך

## משה זאַלצמאַן

דער אַקטיווער קאָמיטעט־מיטגלידערין

## אנעט שטיינזאַלץ

ווינטשן מיר זיי נאָך אַ לאַנגיעריקער אַקטיוויטעט מיט אַ גוט געזונט, פרייד און נחת פון זייערע קינדער און אייניקלעך.

די לאַנדסמאַנשאַפט פון לובלין
דער קאָמיטעט

## באַגריסונג

מיר באַגריסן הארציק אונדזער טייערן פריינט און חבר

## חיים ניסענבוים

צום דערגרייכן זיין 85טן געבוירנטאָג

און ווינטשן אים נאָך א סך געזונטע לאנגע און גליקלעכע יארן מיט זיין פרוי און משפחה.

משפחה ש. פאַכטשאַזש
משפחה י. בוים
משפחה נ. זימעלשטערן
משפחה י. קאַפלאַן
משפחה א. סלאָמא (טאַראָנטא)
משפחה ש. ענגעלסבערג
י. הערצמאַן
פ. פויגעל (טאַראָנטא)
העלא טראַכטענבערג
טשאַרנא פּאַליוואָדא
אברהם ווייס

דער קאָמיטעט פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל שליסט זיך אָן אין די באַגריסונגען פאר אונדזערע בכבודיקע בני־עיר אין פאריז און אין טאָראָנטאָ און ווינטשט זיי א סך געזונט און אריכת ימים – עד מאה ועשרים.

## גלייכצייטיק שיקן מיר איבער די הארציקסטע ברכות פאר

## צפורה און יוסף שפייזמאַן (ניו־יאָרק)
## און פאָלאַ און סוכער פאַכטשאַש (מאָנטרעאל)

## *צו דער בר־מצוה פון זייערע אייניקלעך.*

מיר דערלויבן צו די 40 יאָר פייערונגען, צום יום־העצמאות און זיך קאָנען באטייליקן אין אלע פייערונגען.

איך באגריס ליבע און משה קאָרן פאר זייער ברייטהארציקייט און העלפן קינדער און אנדערע נויטבאַדערפיקע. זאָלן זיי זיין געזונט און אָנגיין ווייטער מיט זייער אָפענע האנט און הארץ.

איך שליס מיין שרייבן און לייג צו א טשעק אויף 70 דאָלאר – 10 דאָל. פאר דעם זשורנאל און 60 פאר דער לובלינער אָרגאניזאציע.

מיר ווינטשן אלע לובלינער און פריינד געזונט און נחת פון די פאמיליעס. שלום!

**פ.ס.**
עס טוט מיר לייד צו הערן יעדן טאָג די שלעכטע נייעסן פון ישראל. עס וואָלט שוין געווען די העכסטע צייט, אז די נייעסן זאָלן זיין בעסערע און שלום זאָל הערשן אין ישראל.

לכבוד
**ארגון יוצאי לובלין**

בבית ספרנו־התיכון המקיף ע״ש דוד בן גוריון בעפולה נעשתה עבודה מאוד רצינית בנושא תעוד השואה.

על מהות העבודה אפשר להתרשם מהמבוא של מר אריה שריד.

לאחר שסיימנו את גביית העדויות ושיכתבנו את החומר, אנו מאוד רוצים להדפיס את החומר יקר הערך לזכרון דורות.

המקורות הכספיים של ביה״ס מוגבלים מאוד, לכן אנו פונים אליכם בבקשה לסייע לנו במימון הדפסת הספר.

בתודה מראש ובברכה
משה גלבמן, מנהל ביה״ס
עיריית עפולה – המחלקה לחינוך
בית ספר תיכון מקיף ע״ש דוד בן־גוריון – חטיבת ביניים

★

**הערת המערכת:** למטרה הנ״ל העברנו 2,000 ש״ח מתרומתה של הגב׳ שרה ביטר, להנצחת שמה של בתה ז״ל.

# בית הקריאות




לד"ר נתן בן־טובים (דובז'ינסקי) יש מקצוע נוסף: הוא ממציא מיכשור בשטח רפואת העיניים. להרצאה שנתן במסגרת שבוע הרפואה הששי בישראל, במלון הילטון בירושלים ביום 19.5.88, נסעו במיוחד שני חברי ועד אירגון יוצאי לובלין — מתתיהו הורן ואלכסנדר שריפט.

אולם בזמן האחרון ד"ר בן־טובים עשה „הסבה מקצועית": הוא המציא מיתקן בשטח הדת לשימוש בתי־הכנסת. המיתקן הנקרא „בית־הקריאות" או „בית־אור" מראה על עשרה מסכים גליליים מוארים את כל תכנית הקריאות בתורה, בנביאים ובכתובים הנערכות בשבתות, בחגים ובימים אחרים, בצרופיהן השונים ובסדרן הטבעי. אין המתפללים נאלצים עוד לעלעל ולחפש בחומשים ובמחזורים, כדי לדעת מה קוראים. אחרי 4 שנות עבודה (בהפסקות), נוצר מיתקן מרשים במבנהו וביופיו.

„בית־הקריאות" נתרם לביה"כ „תפארת בחורים" ברמת־גן והוא נחנך בחג השבועות השנה. ב„קידוש" שהתקיים בשבת של פרשת בהעלותך, י"ט בסיון תשמ"ח (4.6.88), נאם וברך הרב ר' יצחק דרורי מבני־ברק, רב בית־הכנסת, ואחריו אמר ד"ר בן־טובים:

